STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05090

DI UNBERIHRBARKEYT FUN PERZON

M. G. Rafes

Permanent preservation of this book was made possible
by Louis & Adele Gurman
in honor of
Adam Z. Bard & Benjmain S. Bard, Zev R. Gurman & Moses W. Gurman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „די וועלט".

מ. ראפעס.

די אונבערירבארקייט פון פערזאן.

ווילנא.
דרוקעריי וויטווע עט געברידער ראם.
1906.

М. Рафесъ.
Неприкосновенность личности.

אינהאלטס־פערצייכניס.

		זייטע
I.	וואס הייסט אונבערירבארקייט פון פערזאן, וואהנונג און פריוואטע קארעספאנדענץ?	3
II.	ווי ווייט איז גאראנטירט די אונבערירבארקייט פון פערזאן און אז. וו. לויט די רוסישע געזעצען?	7
III.	די אונבערירבארקייט פון פערזאן און די געריכטס־פראצעס ביי פאליטישע פערברעכען	9
IV.	די רעכטען פון דער אדמיניסטראציע און די אונבע־רירבארקייט פון פערזאן	11
V.	די פאליציייאישע אויפזוכע און די אדמיניסטראטיווע פערשיקונג	15
VI.	אויסנאהמס־צושטאנד	18
VII.	דער מאניפעסט פון 17־טען אקטאבער 1905 און זיין פראקטישע אנווענדונג אין לעבען	23
VIII.	ווי די ענגלענדער האבען זיך דערשלאגען די אמת'ע אונבערירבארקייט פון פערזאן און אז. וו.	30
IX.	שלום	39

I.

וואס הייסט אונבעריהרבארקייט פון פערזאן, וואהנונג און פריוואטע קארעספאנדענץ?

יאהרען און דורות פיהרט דאס רוסישע פאלק אנ'ענערגישען הארטנעקיגען קאמפף פאר זיין בעפרייאונג, און דער 14־טער דעצעמבער 1825 (דער אויפשטאנד פון די „דעקאבריסטען") — איז בלויז איינער פון די ערשטע אקטען אין יענער גרויסער טראגעדיע, וועלכע ס'האט זיך שוין לאנג אנגעהויבען אבצושפילען הינטער די קוליסען פון דעם רוסישען היסטארישען טעאטער. נאר פון דעם 9טען יאנואר 1905 אן, ווען דער פעטערבורגער פראלעטאריאט האט זיך געלאזען מחנות'ווייז צום קייזערליכען פאלאץ צו בעטען, מ'זאל פערגרינגערן זיין פאליטישע לאגע און די אינבארמהערציגע רעגירונג האט מיט קוילען מקבל פנים געווען די פרידליכע ארבייטער, האט די פאלקסבעוועגונג שארף אומגעביטען איהר כאראקטער, און דער וויט גרעסטער טהייל פון פאלק האט אנגעהויבען צו נעהמען אין איהר אנ'אנטהייל. פון יענעם מאמענט אן האט זיך די גאנצע מלוכה אונזערע צושפאלטען שארף און דייטליך אויף צוויי פיינדליכע מחנות. אויף איין זייט שטעהט די רעגירונג און די רייכע קלאסען, וועלכע סטארען זיך מיט דער הילף פון דעם חיל און פולעמיאטען איינצוהאלטען די אלטע „ארדנונג" אהן דער מינדעסטער פערענדערונג, אדער צו מאכען ווי וויט מעגליך וועניג הנחות פון זייער פריוויליגירטער לאגע; אויף דער אנדער זייט — די ארבייטער, פויערים און די ארימע קלאסען בכלל, וועלכע קענען שוין מעהר ניט אויסהאלטען די אלטע „ארדנונג" און וועלכע האבען בעשלאסען ארויסצורייסען אין אנ'אפענעם קאמפף די מאכט ביי דער אלטער רעגירונג און דערשלאגען זיך פאליטישע און בירגערליכע פרייהייט.. אין דעם דאזיגען קאמפף האט דאס פאלק צוריקגעשטעלט א סך פערשידענע

אַרטיגע פאָדערונגען, צווישען וועלכע ס'פערנעהמט איינע פון די וויכטיגסטע ערטער די פאָדערונג: אונבעריהרבאַרקייט פון פּערזאָן, וואָהנונג און פּריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ. וואָס זשע בעדייט די דאָזיגע פאָדערונג?

די פּערזאָן, וואָהנונג און קאָרעספּאָנדענץ פון יעדער בירגער דאַרפען זיין אונבעריהרבאַר, דאָס הייסט, אַז אויף מיין פּערזאָן, אויף מיין וואהנונג און אויף מיין קאָרעספּאָנדענץ און אויף אַלע מיינע חפצים בין איך אַליין דער בעל-הבית, און קיין בעאַמטער, קיין אַדמיניסטראַטאָר קענען איבער זיי ניט בעל-הבית'עווען לויט זייער בעגעהר. אָהן אַ בעשטימונג פון געריכט, דאָס הייסט, כל זמן די ריכטער, אויסגעקליבענע פון פאָלק, וועלכע משפט'ן דורכ'ן געריכט פון געשוואָרענע, וועלען מיך ניט געפינען פאַר שולדיג אין אַ וועלכען ס'איז פערברעכען האָט קיין רעגירונגס-מאַכט ניט דאָס רעכט אַרויס צושיקען מיך פון שטאָדט, אַרעסטירען, אַריין זעצען אין טורמע אָדער בכלל רויבען ביי מיר די פרייהייט אויף וועלכען ניט איז אופן. אויסער דעם פאַל, ווען מ'כאַפּט דעם פערברעכער פאַר'ן האַנד, אָדער אין אַנדערע פאַלען, וועלכע זענען גענוי אויסגעטייטשט אין געזעץ, טאָר מען קיינעם ניט פערהאַלטען, כל זמן דער ריכטער האָט ניט אַרויסגעגעבען וועגען דעם אַ בעפעהל און דערביי מוז אין דעם בעפעהל שטעהען בפירוש דער נאָמען פון דעם אַרעסטירטען און דער חטא, אין וועלכען ער ווערט בעשולדיגט. ווען איינער ווערט אַרעסטירט צוליב אַ חשד, מוז דער ריכטער אין פערלויף פון 24 שעה אויספאָרשען די סבה פון דעם אַרעסט, און ווען ביי דער אויספאָרשונג ווייזט זיך אַרויס, אַז פאַר דעם אַרעסט איז באמת דאָ אַ געזעצליכער יסוד, מוז דער ריכטער תיכף ומיד אַרויסגעבען אַ מאָטיווירטע (וואו ס'זאָל זיין קלאָר: דייטליך און גענוי אָנגעגעבען די אורזאַכע) פעראָרדנונג וועגען דעם אַרעסט, און יענסמאָל בלייבט דער אַרעסטירטער אונטער'ן שלאָס ביז'ן משפט. ווען אָבער ביי דער אויספאָרשונג שטעלט זיך אַרויס, אַז פאַר דעם אַרעסט איז ניט געווען קיין שום געזעצליכער גרונד, יענסמאָל מוז דער אַרעסטירטער תיכף ומיד בעפרייט ווערען, און דער בעפרייטער האָט דאָס רעכט אָנצוקלאָגען פאַר'ן עפענטליכען קרימינאַל-געריכט פון געשוואָרענע יענעם רע-

גירונגס=בעאַמטען (ס'מעג אַפילו זיין אַ מיניסטער), וועלכער האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל וועגען זיין אַרעסט, און יענע מענשן, וועלכע ס'האָבען מקים געווען דיזען בעפעהל. אויסער דעם האָט דער בעפרייטער דאָס רעכט צו פאָדערן פון די דאָזיגע פערזאָנען פאַר דעם היזק, וועלכען ער האָט געליטען דורך דעם אַרעסט.

די פּאָליציי טאָר ניט אַריינגעהן אין אַ פּריוואַטע וואָהנונג, טאָר ניט מאַכען דאָרטען קיין הויז=זוכונג, אויב זי האָט ניט וועגען דעם אַ פאָרשריפט פון געריכט. נאָר אין יענעם פאַל, ווען אין דער וואָהנונג האָט זיך בעהאַלטען אַ פערברעכער, אָדער אויב דאָרטען ליגט אַ דער'הרג'טער, אָדער אין אַנדערע אַזעלכע פאַלען, וועלכע זענען גענוי אויסגערעכענט אין געזעץ, האָט די פּאָליציי דאָס רעכט אַריינצוגעהען אין אַ פּריוואַטע וואָהנונג; אין אַלע אַנדערע פאַלען טאָר די פּאָליציי ניט אַריינגעהען אָדער אַפילו אַריבערצוטרעטען דעם שוועל אין אַ פּריוואַטער קוואַרטיר, ווען ס'איז וועגען דעם ניטאָ אַ פעראָרדנונג פון דעם געזעצליכען געריכט, און נאָר מיט אַ געשריבענער מאָטיווירטער פעראָרדנונג פון דער געריכטליכער אַדמיניסטראַציע, וועלכע איז מתיר אַריינצוגעהען אין דער אָדער יענער, גענוי בעשטימטער וואָהנונג נאָר „אין נאָמען פון געזעץ", מעג די פּאָליציי אַריבערטרעטען דעם שוועל פון אַ פּריוואַטער דירה.

פּריוואַטע קאָרעספּאָנדענץ טאָר ניט אויפגעמאַכט ווערען, סיידען ווען דער געריכט גיט אַרויס וועגען דעם אַ בעפעהל. קיין בעאַמטער, אַפילו דער מיניסטער, האָט ניט דאָס רעכט, אָהן דער ערלויבניס פון געריכט אָבצוגעבען אַ בעפעהל, אַז וועלכע ניט איז פּריוואַטע קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע ערוועקט אַ חשד זאָל אויפגעמאַכט און דורכגעלעזען ווערען. סיידען אַז ס'איז דאָ אַ מאָטיווירטע פעראָרדנונג פון געריכט, מעגען געוויסע בריעף, וועלכע זענען גענוי בעשטימט אין דער פעראָרדנונג אויפגעמאַכט און דורכגעלעזען ווערען, אויב די געזעצליכע געריכטליכע מאַכט געפינט עס פאַר נויטיג. אויב די פּאָליציי אָדער אַנדערע רעגירונגס=אַגענטען האָבען עובר געווען אויף די געזעצען וועגען אונבערירבאַרקייט פון וואָהנונג און פּריוואַטע קאָרעספּאָנדענץ, האָט

די פֿעראינטערעסירטע פּערזאָן דאָס רעכט אָנצוקלאָגען פֿאַר׳ן קרימינעלען געריכט אין דערלאַנגען אַ געלד־תביעה פֿאַר דעם היזק אויף יענע בעאַמטע, וועלכע האָבען געמאַכט וועגען דעם אַ פֿעראָרדנונג אָדער וועלכע האָבען זי מקיים געווען. דער בעאַמ־טער וועלכער האָט אַרעסטירט, געמאַכט אַ הויז־זוכונג אָדער פֿער־האַלטען פֿרעמדע בריעף ניט על פּי געזעץ קען זיך דערבײַ ניט פֿערענטפֿערן דערמיט, וואָס זײַן נאַטשאַלסטווע האָט איהם אַזוי געהייסען. דאָס איז ניט קיין תירוץ. יעדער בעאַמטער דאַרף גוט אײַנ׳חזר׳ן אין געדאַנקען דעם געזעץ וועגען אונבעריהרבאַרקייט פֿון פּערזאָן אין אַז. וו. און ער איז ניט מחיב צו ערפֿילען די פֿעראָרדנונג פֿון זײַן נאַטשאַלסטווע, אויב ער רעכענט זי פֿאַר אונגעזעצליך אָדער אונבעגרינדעט, און דער וואָס האָט יענע ערפֿילט אַזאַ אונגעזעצליכע פֿעראָרדנונג, פֿון וועמען זי זאָל ניט אָבגעגעבען ווערען, אַפּילו פֿון דעם מיניסטער, איז אַליין פֿער־אַנטוואָרטליך פֿאַר׳ן געריכט פֿאַר זײַן חטא.

אָבער ווער זשע איז דערמיט ניט מסכים? ווער אפשר דער לעזער פֿרעגען. ווער פֿערשטעהט עס ניט, אַז אָהן גאַראַנ־טיעס פֿון אַזעלכע עלעמענטאַרע רעכטען, איז דאָס לעבען אונמעגליך? אויב איך וועל כדומה למשל ניט זײַן זיכער אין מאָרגעדיגען טאָג, דאָס הייסט, אויב איך וועל ניט וויסען, וואו ס׳וועלען מאָרגען אַהינקומען מײַנע בײַנער, וואָס פֿאַר אַ „דירה" איך קען בעקומען מאָרגען, געגען מײַן אייגענעם ווילען אויב איך וועל, פֿערקעהרט, טראַכטען, אַז אין יעדער מאָמענט קען זיך צו מיר אַרײַנרײַסען די פּאָליציי, איבערקעהרען קאַפּויר מײַנע גאַנצע בעל־הבית קייט, צושיידען מיך מיט מײַן פֿאַמיליע, צושטערען מײַן גאַנצען לעבען, און אויב איך וועל אַרויסווײַזען אַ ווידערשטאַנד — מאַכען מיך פֿאַר אַ קאַליקען אָדער משלח זײַן אויף יענער וועלט, — וועלען זיך דאָך די הענד ניט הויבען פֿאַר קיין אַרבייט! און ניט שוים־זשע ווײַס וועגען דעם ניט די רעגירונג? ניט שוים זשע גאַראַנטירט ניט דער רוסישער געזעץ די אונבע־ריהרבאַרקייט פֿון פּערזאָן, וואָהנונג און פּריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ?

מיר וועלען זיך ניט אַרײַנלאָזען אין ווײַטע ויכוחים און וועלען בעסער בעקאַנט מאַכען די לעזער מיט אונזערע געזעצען בנוגע צו דער דאָזיגער פֿראַגע; דאָס איז אגב כדאי צו וויסען צוליב

דעם, ווייל לויט אונזער געזעץ „קען קיינער זיך ניט פערענטפערן דערמיט, וואס ער האט ניט געוואוסט דעם געזעץ, אויב ער (דער געזעץ) איז פערעפענטליכט געווארען לויט נאך דעם פעסטגעשטעלטען סדר. (ארט. 62 פון די „גרונד-געזעצען פון דער מלוכה").

II.

ווי ווייט איז גאראנטירט די אונבערירבארקייט פון פערזאן וואהנונג און פריוואטע קארעספאנדענץ לויט די רוסישע געריכטליכע סטאטוטען און ווי אפט ווערען די סטאטוטען נגעווענדעט?

„די רוסישע אימפעריע — דערוויסען מיר זיך פון אר. 47 פון די גרונד-געזעצען פון דער מלוכה — ווערט רעגירט אויף פעסטע יסודות פון פאזיטיווע געזעצען", און אין די סטאטוטען פון דעם קרימינעל-פראצעס, ד. ה. אין די געזעצען וועגען משפט'ן און בעשטראפען די רוסישע אינטערטהאנען, געפינען מיר פאלג. הקנות: „קיינער טאר ניט פערהאלטען אין פערזעצט ווערען אין געפענגנים סיידען אין יענע פאלען, וועלכע זענען בעשטימט דורך די געזעצען" (אר. 8). „די פאדערונג וועגען ארעסטירען אומיצען דארף ערפילט ווערען סיידען אין יענעם פאל, ווען זי איז ארויסגעגעבען געווארען לויט דער ארדנונג, וועלכע איז בעשטימט דורך די תקנות פון די קרימינעל-פראצעס-סטאטוטען. (ארט. 9). קיינער קען ניט בעשטראפט ווערען פאר א פערברעכען אדער אנ'עולה ווי סיידען נאך דעם פסק דין פון דעם געהעריגען געריכט, וועלכער איז אריין אין דער געזעצליכער קראפט" (אר. 14) „קיינער קען ניט געריכטליך פערפאלגט ווערען פאר א פערברעכען אדער אנ'עולה, וואו ער איז פריהער ניט אנגעקלאגט געווארען פאר'ן געריכט, לויט דער ארדנונג וועלכע איז בעשטימט דורך די תקנות פון די דאזיגע סטאטטען" (אר. 1) ווייטער: „די פאליציי נעהמט אן מיטלען אויף צו ארעסטירען תיכף ומיד דעם, אויף וועמען ס'איז געפאלען א חשד, אין פאלג. פאלען: 1) אויב מ'האט געכאפט די פערדעכטיגע פערזאן פאר'ן האנד אדער גלייך נאכדעם, ווי דער פערברעכען איז אבגעטהאן געווארען. 2) ווען די, וואס האבען געליטען אדער וואס זענען

געוועזן בעת מעשה, ווייזען אָן דירעקט אויף די פערדעכטיגע פערזאָן. 3) אויב אויף דעם פערדעכטיגען אָדער אין זיין וואָהנונג האָט מען געפונען דייטליכע סימנים פון דעם פערברעכען. 4) אויב די חפצים, וועלכע דינען פאַר אַ בעוויז פון דער פערברעכערישער טהאַט, געהערען דעם פערדעכטיגען. 5) ווען דער פערדעכטיגער האָט געמאַכט אַ פראָבע צו אַנטלויפען אָדער ווען מ'האָט איהם געכאַפּט בעת אָדער נאָך דעם אַנטלויפען און 6) ווען דער פערדעכטיגער האָט ניט קיין שטענדיגע דירה אָדער קיין שטענדיגען וואָהנאָרט. (אַר. 257). „דער אונטערזוכונגסריכטער איז מחויב צו מאַכען דעם ערשטען פערהער תיכף און בשום אופן ניט שפּעטער ווי א מעת-לעת נאָכדעם ווי מ'האָט געבראַכט צופיהרען דעם בעשולדיגטען". (אַרט. 398).

אָט פון די אַלע געבראַכטע אַרטיקלען קען מען אַרויסדרינגען, אַז אונזער געזעץ גאַראַנטירט גאַנץ גענוג די אונבערירבאַרקייט פון פערזאָן; אמת, אין די סטאַטוטען פון דעם קרימינעל-פּראָצעס זענען דאָ געוויסע חסרונות, נאָר פון דעסטוועגען, ווען אָט די אַלע געזעצען וואָלטען טאַקי באמת אָבגעהיט ווערען, וואָלטען מיר זיך געקענט רעכענען פאַר פערוואָרענט פון דעם אַדמיניסטראַטיווען ווילקיר.

די גאַנצע צרה אָבער איז, וואָס דיזע סטאַטוטען ווערען ניט אָנגעווענדעט בנוגע צו אַ גאַנצע רייהע פערברעכען. די פערברעכען געגען דער עקזיסטירענדער מלוכה-אָרדנונג און געגען דעם געזונד, לעבען און עהרע פון די מיטגלידער פון דער קייזערליכער פאַמיליע ווערען ניט גע'משפט נאָך די אויבענגעבראַכטע געזעצען. אָט ביי די אַלע „פּאָליטישע" פערברעכענס ווערט די אויספאָרשונג, אונטערזוכונג און דער גאַנצער פּראָצעס געפיהרט אויף אַזאַ אופן, אַז וועגען אונבערירבאַרקייט פון פערזאָן איז אפילו ניטאָ וואָס צו ריידען. דאָס איז איין זאַך אַוועק. צווייטענס, איז אויסער די פסקים, וואָס ווערען אַרויסגעגעבען פון געריכט פאַר דעם אָדער יענעם פערברעכען, האָבען די גובערנאַטאָרען, די פּאָליציי, די זשאַנדאַרמעריע, די זעמסקי נאַטשאַלניקעס און בכלל אַלערליי מינים אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען, „כדי צו פערהיטען פון פערברעכען" דאָס רעכט אָנצונעהמען פערשידענע מיטלען אויפ'ן „אַדמיניסטראַטיווען וועג", דאָס הייסט, אַרויסגעבען פסקים לויט

זייער אייגענעם רצון, אָהן אַ שום אויספאָרשונג און געריכט, אויפ'ן גרונד פון די ידיעות, וועלכע זיי בעקומען פון די געהיימע אַגענטען. דערמיט אַליין איז די בירגערליכע פרייהייט שוין אויך גענוג בעגרענצט. נאָר אונזער רעגירונג איז דאָס נאָך אויך געווען וועניג: אין יאָהר 1881 זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען נייע תקנות וועגען „פערהיטען די מלוכה-אָרדנונג און די געזעלשאַפטליכע רוהע", וועלכע ערלויבען אין איינינגע פאַלען צו ערקלערען אין גאַנץ לאַנד אָדער בלויז אין איינינגע טיילען פון דער מלוכה דעם אויכנאַהמס-צושטאַנד, און דאַן בעקומט די אַדמיניסטראַציע נאָך ברייטערע רעכטען און פרייערע העַנד.

אין אַ קליינער בראָשירע איז, פערשטעהט זיך, אונמעגליך אויסצורעכענען אַלע אויסנאַהמס-געזעצען, מיט וועלכע ס'בענוצט זיך די אַדמיניסטראַטיווע און געריכטליכע מאַכט. מיר וועלען דעריבער בקיצור בעקאַנט מאַכען דעם לעזער מיט זיי.

III.

די אונבעריהרבאַרקייט פון פערזאָן און דער געריכטס-פּראָצעס ביי פּאָליטישע פערברעכען.

הגם די פּאָליטישע פערברעכען ווערען ביי אונז בעשטראָפט לויט דעם געזעץ אַ סך שטרענגער, איידער אַנדערע אַרטען פערברעכען (נאָר פאַר פּאָליטישע פערברעכען עקזיסטירט ביי אונז טוידט-שטראָף, אויסער דעם ווערט ביי אַזוינע פאַלען אַרויסגעגעבען אַ פּסק בלויז פאַר אַ פערזוך אָבצוטהאָן אַ פערברעך אָדער אַפילו פאַר די הכנות דערצו) פון דעסטוועגען איז דער געריכטס-סדר דאָ אַ סך ערגער אַוועקגעשטעלט געוואָרען, איידער ביי געוועהנליכע פערברעכען. בעת ביי געוועהנליכע פערברעכען ווערט די אויספאָרשונג (סלעדסטוויע) און אַפילו די ערשטע אונטערזוכונג (דאָזנאַניע) געפיהרט דורך אַ אונטערזוכונגס-ריכטער דאָס הייסט, דורך אַ מענשען, וואָס האָט בעקומען העכערע יורידישע בילדונג און וועלכער איז געניט אין די געזעצען, ווערט ביי די פּאָליטישע פערברעכען ניט נאָר די אינטערזוכונג, נאָר אַפילו די אויספאָרשונג געפיהרט דורך איינפאַכע זשאַנדאַרמען אָדער זשאַנדאַרמעריע-אָפיצירען; די ערשטע קענען אַפילו אָפטמאָל ניט לעזען און שרייבען, און די

אָפּיצירען האָבען אויך ניט בעקומען אַפילו רעכטע מיטעלע בילדונג, היינט ווער רעדט ש'ין וועגען ספּעציעלע יורידישע בילדונג, און זיי קענען זיך דעריבער ניט פערנאַנדערקלייבען ווי געהעריג אין דעם גאַנצען ענין. בעת ס'ווערען געפיהרט די אונטערזוכונג און די אויספאָרשונג האָט די זשאַנדאַרמעריע ברייטערע רעכטען בנוגע צו אַרעסטירען, מאַכען הויז־זוכונגען א. ז. וו. בעת דער אונטערזוכונגס־ריכטער האָט ניט דאָס רעכט אויפצועפענען די קאָרעספּאָנדענץ פון דעם בעשולדיגטען אָהן דער בעשטימונג פון דעם אָקרוזשנאָי סוד, אין וועלכער ס'מוז אויך זיין גענוי אָנגעגעבען דער גרונד, פאַר וואָס ס'איז נויטיג אויפצומאַכען די קאָרעספּאָנדענץ, האָט די זשאַנדאַרמעריע דאָס רעכט, צוטהאָן דאָס בלויז מיט דעם הסכם פון דעם פּראָקוראָר. בעת דער אונטערזוכונגס־ריכטער האָט דאָס רעכט, כדי ניט דערלאָזען דעם בעשולדיגטען אַרויסצודרעהען זיך פון געריכט, פערשפּאַרען איהם אין געפענגעניס נאָר אין דעם פאַל, ווען איהם קען קומען אַ האַרבער פּסק פאַר דעם פערברעכען, אין וועלכען מ'איז איהם חושד, — קאַטאָרגע, טורמע אָדער לכל הפּחות אַ רעסטאַנסקע ראָטעם, און אין אַלע אַנדערע פאַלען בענוגענט זיך דער אונטערזוכונגס־ריכטער דערמיט וואָס ער נעמט ביי דעם בעשולדיגטען אַ חתימה וועגען ניט אָבפאָהרען, אָדער ערבות אָדער געלד־בעוואָרעניש — קען די זשאַנדאַרמעריע־מאַכט פערזעצען אין געפענגניס די בעשולדיגטע אַפילו אין אַזוינע פאַלען, ווען פאַר דעם פערברעכען קומט אַ קלענערע שטראָף, איידער אַרעסטאַנסקע ראָטע. די גאַנצע אונטערזוכונג און אויספאָרשונג פיהרט זיך בשתיקא, געהיים ניט נאָר פון זייטיגע מענשען, נאָר אַפילו פון דעם בעשולדיגטען גופא, און דערביי נעהמען אַנ'אַנטהייל אין דער אונטערזוכונג שפּיאָנען, וועלכע זענען, פערשטעהט זיך, שטאַרק פעראינטערעסירט אין דער בעשולדיגונג, ווייל זיי בעקומען געוועהנליך דערפאַר „מתנות", אַ חוץ די שבירות זייערע; דער בעשולדיגטער, וועלכען מ'איז ניט מחויב איבערצוגעבען אַלע ידיעות וואָס מ'האָט בעקומען וועגען איהם פון די שפּיאָנען, האָט אויף אַזאַ אופן ניט די מעגליכקייט אויפצואווייזען די פאַלשקייט פון דער בעשולדיגונג. ענדליך, איז דאָ נאָך אַ וויכטיגער אונטערשייד: אַלע וויכטיגע קרימינעלע פערברעכענס ווערען געמשפּט דורכ'ן געריכט פון געשוואָרענע, און נאָר די לעצטע בעשליסען, צו דער אָנגע־

קלאקטער איז שולדיג, צו ניט; די פאליטישע פערברעכען ווערען געפיהרט אדער בלויז דורך די רעגירונגס=ריכטער אדער דורך די לעצטע צוזאמען מיט 4 שטאנדען=פערטרעטער; ווייטער קומען פאר אלע וויכטיגע פאליטישע פראצעסען ביי געשלאסענע טירען, און ביי די ניט וויכטיגע פאליטישע פראצעסען, וועלכע קענען צפילו יע פארקומען ביי אפענע טהירען, נעהמט אן געוועהנליך דער געריכט גופא א בעשלוס, אז קיין זייטיגער עולם זאל ניט צוגעלאזען ווערען צו די זיצונגען.

VI

די רעכטען פון דער אדמיניסטראציע און די אונבעריהרבארקייט פון פערזאן.

ווען די געזעצען, וועמעס אויפגאבע ס'איז אונטערצוהאלטען אין דער בעפעלקערונג דעם בעגריף וועגען יושר און גערעכטיגקייט און וועלכע זענען ספעציעל געמאכט געווארען אויף צו בעזייטיגען דעם ווילקיר פון איינצעלנע מענשען, ווען די געזעצען, זאגען מיר, דערלאזען אזעלכע אבוויכונגען בנוגע צו דער אונבעריהרבארקייט פון פערזאן, קען מען זיך לייכט פארשטעלען, אז די אדמיניסטראטיווע טהעטיגקייט געהט אין דעם פרט אסך ווייטער. איבער־הויפט זענען ביי דער אדמיניסטראציע פריי די הענד בנוגע צו די פויערים: הגם דאס לייבאייגענטהום איז שוין לאנג בטל געווארען, נאר פון דעסטוועגען זענען די פויערים נאך ביז היינטיגען טאג ניט אויסבעגלייכט געווארען אין די רעכטען מיט דער איבעריגער בעפעלקערונג, און פאר זיי עקזיסטירען בעזונדערע „געזעצען" — אויב ס'פאסט דער נאמען „געזעץ" פאר די אלע דינים און תקנות, וועלכע זענען ספעציעל ארויסגעגעבען געווארען פאר די פויערים. אין דארף קען דער וואלאסטנאי סטארשינע ארעסטירען יעדען פויער און אבהאלטען איהם פערשפארט צוויי מעת־לעת; דער זעמסקי נאטשאלניק קען פערהאלטען יעדען פויער, וועלכער וואהנט אין דעם תחום, וואס געפינט זיך אונטער זיין רשות, אויף דריי מעת־לעת, ניט אבגעבענדיג קיינעם קיין דין וחשבון, ניט ערקלערענדיג די אורזאכע פון דעם ארעסט. דערצו דארף ער נאר מאכען א אפיציעלע פעראָרדנונג, דאס הייסט, זיין פעראָרדנונג מוז ער אבגעבען

ניט אויסוועניג, נאר אויפ׳ן פאפיר, אויפשרייבען די דאטע, דעם נומער און אז. וו. אמת, מ׳קען זיך קלאגען אויף דיזע פעראָרדנונג, אבער קיין מניעה אויף ארעסטירען איז דאס ניט; אין ערגסטען פאל וועט דער זעמסקער שוין אחר חמישה מוזען געבען אַנ׳ערקלערונג וועגען זיין פעראָרדנונג אויפ׳ן צוזאמענפאָהר פון די זעמסקע נאטשאלניקעס, און אויב ס׳וועט אויסקומען אז ער האט געטהאן אַנ׳עולה, וועט מען איהם דערפאר אויסריידען.

נאר אויך די איבעריגע בירגער פון די שטעדט, וואס געהערען ניט צום פויערים-שטאנד, זענען אויך ניט שטארק פערוואָרענט פון דעם אדמיניסטראטיווען און פאָליציאישען ווילקיר, וויל דער געזעץ גיט דער אדמיניסטראציע זעהר א גרויסע שליטה איבער די בירגער. „די גובערנאטאָרען, די אָרטיגע פאָליציי און בכלל אלע איינר כטונגען און פערזאָנען, וועלכע געהערען צו דער מיליטערישער אָדער אדמיניסטראטיווער נאטשאלכטווע, זענען מחויב צו פערהיטען און איבערהאקען מיט אלע מעגליכע מיטלען אלע מעשים, וועלכע ציעלען זיך פוגע צו זיין דעם געהעריגען כבוד פון דער אמונה אָדער די געזעלשאפטליכע רוהע, אָרדנונג, דרך-ארץ, די פערזענליכע זיכערהייט און די זיכערהייט פון פערמעגען" — זאָגט דער ארט. 1 פון די סטאטוטען וועגען פערהיטען און איבערהאקען די פערברעכען. „די פאָליציי גיט אכטונג, אז קיינער זאל ניט בעגעהען אזעלכע טהאטען, וואס ווידערשפרעכען דער געהאָרכזאמקייט, וועלכע די בעפעלקערונג איז מחויב ארויסצואווייזען דער געזעצליכער אדמיניסטראציע. זי האקט איבער אין דעם רעכטען אָנפאנג יעדע נייעס וואס איז געגען דעם געזעץ". (ארט. 119 פון די זעלביגע סטאטוטען). אט די צוויי ארטיקלען בעווייזען שוין גענוג, וואס פאר א ברייטע רעכטען ס׳איז געגעבען געוואָרען דער פאָליציי, און אויב מיר וועלען נעהמען אין בעטראכט, 1) אז די פאָליציי-בעאמטע זענען אלע גוט בעוואָפענט, און האבען דאס רעכט צו בענוצען זיך מיט די געוועהר, בעת זיי ערפילען זייער דיענסטפפליכט; 2) אז ווען די פאָליציאישע מיטלען זענען צו קנאפ, קען די פאָליציי ארויסרופען חיל 3) אז אויף די אויעזדנע איספראווניקעס און פאָליציימייסטערס ליגט די התחיבות, אונטער זייער פערזענליכער פעראנטוואָרטליכקייט, אנצונעהמען אלע מעגליכע מיטלען אויף צו פערהיטען די געזעלשאפטליכע זיכערהייט, — אז

מיר וועלען נעהמען דאס אלץ אין בעטראכט , וועלען מיר פער־שטעהען, אז די אלע רעכטען, וועלכע זענען געגעבען געווארען דער פאליציי, איז ניט נאר וואס זיי פערווארענען ניט פאר די בירגער די פערזענליכע אונבעריהרבארקייט, נאר פערקעהרט, זיי ווענע א סכנה פאר דעם געזונד און לעבען פון די אונטערטהאנען . דער איינציגער מיטעל אויף צו בעשיטצען די בירגער פון דעם אונגעזעצ־ליכען ווילקיר , וואלט געווען די ערלויבנים צו האבען ביי זיך געוועהר און אנווענדען זיי בעת ס'האנדעלט זיך וועגען זעלבסטשוץ, נאר אונזער געזעץ פערווערט די „פשוטע" בירגער צו האבען גע־וועהר ; אויף צו טראגען געוועהר מוז מען האבען א ספעציעלע ערלויבנים, וועלכע מ'גיט נאר געצעהלטע מענשען*) .

אט די אלע אויסגערעכענטע הקנות גיבען דער פאליציי דאס רעכט צו געברויכען גוואלד געגען דער אדער יענער פערזאן, אבער א חוץ דעם קען זי אויך בעשרענקען די „פרייהייט פון בעוועגונג" — זי קען צ. ב. ארעסטירען , ארויסנעהמען א חתימה וועגען ניט אבפאהרען פון שטאדט און אז. וו. די סטא־טיטען וועגען פערהיטען און איבערהאקען פערברעכענס שרייבען פאר דער פאליציי צו ארעסטירען : 1) די וואס שרייען און זינגען אויפ'ן גאס לידער ; וואס דרעהען זיך ארום ביי נאכט אויפ'ן גאס שיכור'ערהייט), 2) וועלכע בעטלען נדבות , 3) וואס האבען בדעה צו געהען אויף א דועל (ארט. 234) . די אלע ארטיקלען , וועלכע גיבען דער פאליציי ברייטע רעכטען בנוגע צום ארעסטירען , האבען אין זיך נאך א מורא'דיגען חסרון . בעת אין די געריכטליכע אורטיילען איז שטענדיג פינקטליך אנגעגעבען דער טערמין אויף ווי פיעל די בעשולדיגטע פערזאן דארף געהאלטען ווערען אין ארעסט , איז אין די אויבענגעבראכטע ארטיקלען ניט דערמאהנט געווארען וועגען דעם משך צייט , ווי פיעל דער ארעסט דארף געדויערן . נאך א גרעסערער חסרון בעשטעהט אין דעם , וואס אין די געזעצען איז ניט אנגעוויזען , אויף וואסער אופן קען מען

---

*) ווי בעקאנט, איז פאר דער לעצטער צייט געווארען אסך גרינגער צו בעקומען אנ'ערלויבנים איף צו טראגען געוועהר — אבער בלויז פאר דעם „ג'טנע־ז'טען" טייל פון דער בעפעלקערונג, אדער, אויפ'ן פשוט'ען לשון — פאר די „שו א־צע־מאה'ניקעס.

אָנקלאָגען די פּאָליציי, אויב זי האָט למשל אונגעזעצליך אַרעסטירט. אמת, די וואָס מ'האָט אַרעסטירט ניט על פּי געזעץ, קענען לויט אַרט. 348 פון שטראָף-געזעצבוך פאָדערען אַ פּסק פאַר דעם באַמטען, וועלכער ס'האָט אַרעסטירט; דיזער אַרטיקעל רעדט וועגען פערהאַלטען איינעם אָהן אַ וויכטיגען גרונד, אָדער ווען ס'איז אַפילו יע געווען אַ וויכטיגער גרונד, נאָר ס'זענען ניט אָבגעהיט געוואָרען בעת'ן אַרעסט די פעסטגעשטעלטע תקנות. אָבער דיזער אַרטיקעל פערזיכערט אַפילו אויף אַ האָר ניט די פּערזענליכע פרייהייט. ערשטענס, ווערט דערפאַר אַרויסגעגעבען אַ פּסק נאָר אין דעם פאַל, ווען דער געריכט וועט ווירקליך אַנערקענען דעם באַמטען פאַר שולדיג, אָבער דער געריכט קען געפינען, אַז אין דעם אָדער יענעם פאַל האָט דער בעטרעפענדער באַמטער פּשוט געהאַט אַ טעות, אָדער ניט ריכטיג פערשטאַנען דעם געזעץ, אָדער ער האָט צו פלייסיג ערפילט זיין דיענסט-פפליכט, און צוליב דעם האָט ער אַרעסטירט אַנ'אונשולדיגען מענשען, און אין אַזוינע פאַלען וועט דער געריכט, פערשטעהט זיך, ניט פער'משפּט'ן פאַר דעם אונגעזעצליכען אַרעסט. צווייטענס — און דאָס איז דער עיקר — כדי איבערצוגעבען צום געריכט אַ וועלכען ניט איז פּאָליציי-באַמטען, מוז מען דערויף האָבען דעם הסכם פון זיין נאַטשאַלסטווע, און אויב די נאַטשאַלסטווע וועט ניט וועלען געבען איהר הסכם, איז פאַרפאַלען, קען מען דעם פערשולדיגטען באַמטען ניט אָנקלאָגען פאַר'ן געריכט. דערצו נאָך דאַרף מען ניט פערגעסען, אַז דער אַרעסטירטער, האָט ניט די מעגליכקייט צו קלאָגען זיך געגען זיין אַרעסט, ווען ער איז אַפילו אונגעזעצליך. אמת, ער האָט אַפילו דאָס רעכט צו שרייבען אַלערליי „פּאַפּירען" אין בקשות, און מ'מוז איהם על פּי געזעץ געבען די נויטיגע מיטלען דערצו, אָבער די אַלע פּאַפּירען קענען ניט אָנגעגעבען ווערען, וואו דער פּראָקוראָר זאָל זיי פריהער ניט אָנקוקען און זיי מוזען דערלאַנגט ווערען דוקא דורכ'ן פּראָקוראָר. ווייטער די דערלאַנגטע פּאַפּירען קענען אָדער אומקעהרען זיך צוריק צו דעם אַרעסטירטען אָדער, אויב זיי האָבען שוין יע זוכה געווען צו דערגעהן וואוהין מ'דאַרף, קען פון דאָרטען צוריק אָנקומען אַ תשובה, אַז די בעשטימונג וועגען דעם אַרעסט איז געמאַכט געוואָרען אויפ'ן אַדמיניסטראַציווען וועג... אַ טייערע נחמה!

אקוראט ווי די אונגעזעצליכע פעראָרדנונגען פון דער אדמיניסטראציע קענען ווערען געזעצליך דורכדעם, וואָס זי וועט זיך סומך זיין אויף דעם אָדער יענעם ארטיקעל, וועלכער גיט איהר דאָס רעכט ארומצוגעהען דעם געזעצליכען געריכט און טהאָן אזוי, ווי בייא איהר קומט אויס!

V.

די פּאָליציאישע אויפזיכט און די אדמיניסטראטיווע פערשיקונג.

א חוץ ארעסטירען האָט די אדמיניסטראציע דאָס רעכט, כדי צו פערהיטען און איבערהאקען די פערברעכען, צושטעלען אָהן שום דין ומשפט אונטער פּאָליציאישער אויפזיכט אָדער פערשיקען אין בעשטימטע גובערניעס פון דעם אייראָפּעאישען און אזיאטישען רוסלאנד. אויב די אדמיניסטראציע אנערקענט א געוויסע פערזאָן, אויפ'ן גרונד פון די ידיעות, וואָס זענען דאָ בייא איהר, אלס „שעדליך פאר דער געזעלשאפטליכער און מלוכה-אָרדנונג", גיט זי וועגען דעם צו וויסען אין מיניסטעריום פון אינערן; דערבייא זאָגט זי ארויס איהר אייגענע מיינונג — צו איז נויטיג צו שטעלען די דאָזיגע פערזאָן אונטער פּאָליציי אויפזיכט, אָדער ס'איז גלייכער ארויסשיקען זי אין א בעשטימטען אָרט (די פערשיקטע פערזאָן ווערט שוין דערמיט ממילא געשטעלט אונטער פּאָליציי-אויפזיכט) און זי ווייזט אָן דעם משך צייט, אויף ווי פיעל דיזער מיטעל דארף אָנגעווענדעט ווערען*). בייא דער פערזאָן, וועלכע ווערט פערשיקט אָדער געשטעלט אונטער פּאָליציי-אויפזיכט, אויפ'ן אדמיניסטראטיווען וועג, ווערען אָבגענומען דער פּאַס און אלע אנדערע דאָקומענטען (דער דיפּלאָם און אז. וו.), און אנשטאָט דעם גיט מען איהם ארויס א בעזונדער צייגניס. דער וואָס שטעהט אונטער דער פּאָליציי-אויפזיכט איז מחויב צו וואָהנען אין א בעשטימטען אָרט, וויל ער אָבפאָהרען — מוז ער יעדער מאָל בעטען אנ'ערלויבניס; וויל ער מאכען א נסיעה אין דעם זעלביגען אויעזד — בעט ער אנ'ערלויבניס בייא'ם נאטשאלניק פון

---

*) דער טערמין, אויף וויפיעל מ'קען פערשיקען אדער שטעלען אונטער דער פּאליציי-אויפזיכט, איז פון אייז יאהר ביז פינף.

דער אָרטיגער פּאָליציי, אין אַנ'אַנדער אויעזד, אָבער אין דער
זעלביגער גוב. — ביי'ם גובערנאַטאָר, אין אַנ'אַנדער גוב. — ביי'ם
מיניכטער פון אינערן. על כל פנים גיט מען די ערלויבנים אויף
אַ בעשטימטען טערמין און אויף אַ בעשטימטען אָרט, דערביי
ווערט אָנגעוויזען דער מאַרשרוט, וועלכען ער דערף מאַכען;
אין וועג טאָר ער זיך ערגעץ ניט אָבשטעלען, סיידען ווען ער
ווערט קראַנק, אָדער צוליעב אַנדערע אונגעריכטע סיבות (אין אַזאַ
פאַל מוז די בעטרעפענדע פּערזאָן תיכף געבען צו וויסען דער
אָרטיגער פּאָליציי, כדי זי זאָל קענען קאָנטראָלירען די ריכטיגקייט
פון זיין ערקלערונג און מאַכען אין זיין ציינגנים די נויטיגע אַנמער=
קונג). אָנקימענדיג אויפ'ן אָרט, מוז ער גלייך מעלרען זיך ביים
אָרטיגען פּאָליציי=נאַטשאַלניק און פאָרוויזען זיין רייזע=ציינגנים. ער
מיז קומען אין פּאָליציי, ווען נאָר זי רופט איהם אַרויס, און די
פּאָליציי האָט דאָס רעכט אַריינצוקומען אין זיין וואָהנונג, מאַכען
ביי איהם אַ הויז=זוכונג און פערהאַלטען זיינע זאַכען, כתבים און
אַז. וו. איהם איז אונבעדינגט פערבאָטען: 1) צו פערנעהמען
אַ געזעלשאַפטליכע אָדער אַ מלוכה־שטעלע; 2) צו זיין אַ פאָרזי=
צענדער אָדער אַ מיטגליעד פון פריוואַטע געזעלשאַפטען, קאָמפּאַ=
ניעם און קאָנקורסען, אָדער צו גרינדען זיי; 3) בעשעפטיגען זיך
מיט פּעדאַגאָגישער טהעטיגקייט; 4) צו לערנען מיט תלמידים
די וויסענשאַפטען פון קונסט און האַנדווערק; 5) האַלטען
עפענטליכע פאָרטראַגען; 6) יעדע עפענטליכע טהעטיגקייט;
7) בעטייליגען זיך אין עפענטליכע זיצונגען פון געלעהרטע=
געזעלשאַפטען; 8) נעהמען אַנ'אַנטייל אין עפענטליכע טהעאַטער=
פאָרשטעלונגען; 9) צו האַלטען אַ טיפּאָגראַפיע, ליטאָגראַפיע,
פאָטאָגראַפיע, לעזע=האַלען אָדער דיענען דאָרטען; 10) האַנדלען
מיט ביכער, בראָשורען און כדומה, און 11) האַלטען שיינקען,
טראַקטירען און האַנדלען מיט משקאות. נאָר מיט דער ערלויבנים
פון מיניסטער פון אינערן מעג ער: 1) צוגעלאָזען ווערען פאַר אַ שריי=
בער אין די געזעלשאַפטליכע־און מלוכה אַנשטאַלטען 2) אָנקו=
מען אין אַ לעהר=אַנשטאַלט, 3) פּראַקטיקירען אַלס מעדיצינער,
אַקושער אָדער פאַרמאַצעווט.

ווי דער לעזער זעהט, איז דעם, וועלכער געפינט זיך אונ=
טער פּאָליציי=אויפזיכט פערבאָטען יעדע אַרט טהעטיגקייט. אמת

נאָך די אַלע הקנות געפֿינט זיך אַזאַ פּונקט: „מיט אַלע אַנדערע
בעשעפֿטיגונגען, וועלכע זענען פֿאַר זיי ניט פֿערבאָטען דורכ׳ן גע=
זעץ, מעגען זיי זיך יע פֿערנעהמען! אָבער ס׳איז אונמעגליך שווער
פֿאָרצושטעלען זיך, וואָס פֿאַר אַ מינים בעשעפֿטיגונגען ס׳זענען
פֿאַר זיי ניט פֿערבאָטען. נאָר די רעגירונג האָט זיך נאָך ניט בע=
נוגענט מיט די אַלע בעשרענקונגען און, אפנים, מורא האָבענדיג,
אַז די וואָס שטעהען אונטער פּאָליציי אויפֿזיכט האָבען נאָך צו פיעל
רעכטען בנוגע צום אויסקלייבען אַ וועלכע ניט איז בעשעפֿטיגונג,
האָט זי צוגעגעבען צוזאַ פּונקט: אָן דעם אָרטיגען גובערנאַטאָר
ווענדט זיך צו פֿערבאָטען די, וואָס שטעהען אונטער פּאָליציי אויפֿזיכט
די אויסגעקליבענע בעשעפֿטיגונג, אויב זי דיענט זיי פֿאַר אַ מיטעל
אויף צו פֿערווירקליכען זייערע בייזע מחשבות אָדער ווען לויט די
אָרטיגע בעדינגונגען קען עס זיין געפֿעהרליך פֿאַר דער געזעלשאַפֿט=
ליכער רוהע און אָרדנונג.“ זיי קען פֿערבאָטען ווערען דירעקט צו
בעקומען און אָבצושיקען ניט נאָר בריעף, נאָר אויך טעלעגראַמען
דערביי געהט דורך די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ זייערע דורך די הענד
פֿון דער פּאָליציי, וועלכע עפֿענט אויף, לעזט איבער און גיט אָב
נאָר דאָס, וואָס זי געפֿינט פֿאַר מעגליך איבערצוגעבען. אויף אַזאַ
אופֿן איז דאָ אויף יעדער טריט פֿון דעם וואָס שטעהט אונטער
פּאָליציי-אויפֿזיכט אַ בעזונדער דין, און די אַלע דינים אין תקנות
מאַכען פשוט אונמעגליך זיין עקזיסטענץ, בפרט נאָך אַז מ׳פֿערשיקט
געוועהנליך אין אַזוינע ערטער, וואו ס׳איז בכלל אונמעגליך צו
פֿערדינען וואָס ניט איז, אפילו ווען מ׳זאָל יע מעגען בעשעפֿטיגען
זיך מיט אַלץ, און דעריבער בעקומען די פֿערשיקטע וועלכע האָבען
ניט קיין מיטלען צום לעבען אַ געוויסע שטיצע פֿון דער רעגירונג.
אָבער . . . אויך דאָ האָט די רעגירונג פֿער׳דאג׳עט, אַז דער
וואָהלטאָג פֿון פֿערשיקטען זאָל ניט זיין חס ושלום צו גרויס, און
אין די „תקנות וועגען דער פּאָליציי=אויפֿזיכט“ איז דאָ אַנ׳אַרטיקעל
37, וועלכער איז אַזוי פֿאָרמולירט: „די, וואָס שטעהען אונטער
פּאָליציי=אויפֿזיכט, וועלכע דראָהען זיך אַרויס פֿון אַרבייט צוליעב
זייער פֿוילקייט, זייער שלעכטער אויפֿפֿיהרונג אָדער צוליעב זייער
געוואָהנהייט אַרומצוגעהען לעדיג, פֿערלירען דאָס רעכט צו בעקו=
מען שטיצע פֿון דער רעגירונג. ווער זשע איז דער מבין, צו דער
פֿערשיקטער פֿיהרט זיך אויף גוט אָדער שלעכט? טאַקי די פּאָליציי

גופא. פאר ניט ערפילען די תקנות, וועלכע זענען בעשטימט גע־ווארען פאר זיי, ווערען די פערשיקטע בעשטראפט מיט ארעסט אין פאליציי־הויז: 1) לויט דער פעראָרדנונג פון דעם אָרטיגען פאליציי־נאטשאלניק — ביז 3 מעת־לעת; 2) דורכ'ן גובערנאטאר ביז 7 מעת־לעת און 3) דורכ'ן מיניסטער — ביז א חודש: דער לעצטער קען אגב בעשטימען צו האלטען ניט נאר אין פאליציי־הויז; נאר אפילו אין געפענגנים. אט די אלע תקנות כאראקטערי־זירען גענוג דייטליך, די גאנצע רעכטסלאָזיגקייט פון די, וואס שטעהען אונטער פאליציי־אויפזיכט אין פון די פערשיקטע. ס'ווערען אויף אזוי פיעל געטראָטען די עלעמענטארע רעכטען, אז אפילו אונזער רעגירונג האט געפונען פאר מעגליך אנצואווענדען די אדמיניסטרא־טיווע פערשיקונג, אויסער פאר די פערזאָנען, „וואס זענען שעדליך פאר דער געזעלשאפטליכער רוהע און פאר דער מלוכה־אָרדנונג", בלויז אין איין פאל: אדמיניסטראטיוו קענען פערשיקט ווערען בלויז די, וועלכע מ'איז חושד אין וועלכע מ'בעשולדיגט אין גנ'בענען עטליכע מאל פערד אדער פיה, און נאר אין 3 געגענדען; אין אסטראכאנער גוב., אין סטאווראָפאָלער גוב. און אין איין נעגענד פון דער טעריטאָריע וואָיסקא דאָנסקאָיע, וואו ס'קומען זעהר אָפט פאָר גניבות פון פערד. און די פערד־גנבים זענען אין איין פרט נאך בעסער אויעקגעשטעלט געוואָרען ווי די „פאָליטישע": די תקנות וועגען פאליציי־אויפזיכט זענען צו זיי ניט שייך.

VI.

אויסנאהמס־צושטאנד: פערשטארקטע און אויסערארדענטליכע אויפזיכט. קריעגס־צושטאנד.

ביז איצט האבען מיר גערעדט וועגען די רעכטען פון דער אדמיניסטראציע אין א געוועהנליכער פרידליכער צייט. דוכט זיך, אז זיי גיבען דער אדמיניסטראציע גענוג פרייהייט אין קאמפף מיט דער „קראמאָלע", גענוג מיטלען אין האנד אויף צו דערשטיקען יעדע פרייע בעוועגונג. נאר די רעגירונג אבער רעכענט, אז דיזע אלע פאָלמעכטען זענען צו קארג: „אין יענע פאלען, ווען די פערברע־כערישע טהאטען פון די פערזאָנען, וואס האבען בייזע מחשבות געגען דער מלוכה־ארדנונג און דער געזעלשאפטליכער זיכערהייט,

נעהמען אַז אין איינצעלנע ערטער אַזוינע כבנה'דיגע פאָרמען, אַז זיי רופען אַרויס די נויטווענדיגקייט פון בעזונדער־ע מיטלען, ווערען די דאָזיגע ערטער ערקלערט אין אויסנאַהמס=„צושטאַנד". דער אויס=נאַהמס־צושטאַנד, וואָס ווערט אַיינגעפיהרט אין אַ וועלכען ניט איז אָרט, רופט אַרויס: 1) „די פערברייטערונג פון די פפליכטען און רעכטען פון די עקזיסטירענדע אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען אָדער די בילדונג צוליעב דיזען צוועק פון נייע צייטווייליגע אָרגאַנען".
2) אַ גרעסערע פעראַנטוואָרטליכקייט ווי פון די פריוואַטע פערזאָנען, אַזוי אויך פון דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט. די פריוואַטע פער=זאָנען ווערען אין דעם פאַל שטרענגער בעשטראָפט פאַר ניט ערפילען די פעראָרדנונגען פון דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע, און פאַר געווויסע פערברעכען קענען זיי איבערגעגעבען ווערען צום מיליטער=געריכט און געמשפט ווערען לויט די געזעצען פון קריעגס צייט.
דערמיט איז מען אויסען אָבצושרעקען די בעפעלקערונג, אַז איהר זאָל זיך ניט גלוסטען צו בענוצען זיך אַפילו מיט יענער ביסעל רעכטען, וועלכע זי האָט לויט דעם געזעץ; צו גלייכער צייט ווערט אויך פערגרעסערט די פעראַנטוואָרטליכקייט פון דער אַדמיניסטראַציע, אָבער ניט דאָן, ווען זי טרעט אַריבער די גרע=נעצען פון איהר מאַכט, נאָר פערקעהרט, ווען זי האָט צו ווייניג אויסגענוצט איהר מאַכט און האָט ניט אָנגענומען די נויטיגע מיטלען; פערגרעסערענדיג די פעראַנטוואָרטליכקייט פון דער אַדמיני=סטראַציע, האָט מען בדעה אויפצומונטערן זי, אַז זי זאָל ענערגישער אויסנוצען ווי ווייט מעגליך אַלע יענע פאָלמאַכטען, וועלכע דער אויסנאַהמס=צושטאַנד גיט איהר.

אויסנאַהמס=צושטאַנד ווערט אַיינגעפיהרט אין צוויי פערשיעדענע פאָרמען, וועלכע בילדען דעם העכסטען און ניעדעריגסטען גראַד איהרען: ווען די געזעלשאַפטליכע רוהע ווערט געשטערט אין אַ געוויסען אָרט דורך פערברעכערישע טהאַטען געגען דער עקזיסטירענדער מלוכה=אָרדנונג, אָדער בלויז דורך די הכנות צו זיי, און די עקזיסטירענדע געזעצען קענען ניט פערהיטען די אָרדנונג, יענסמאָל ווערט דאָרטען ערקלערט די פערשטאַרקטע אויפזיכט. ווען דורך אַזעלכע טהאַטען ווערט די בעפעלקערונג פון אַ געוויסען אָרט געבראַכט ווערען אין אַ צורודערטער שטימונג,

וועלכע ס'רופט אַרויס די נויטיגקייט אָנצונעהמען אויסנאַהמס=
מיטלען, כדי תיכף אויפצושטעלען די געשטערטע אָרדנונג, ווערט
אין דעם דאָזיגען אָרט ערקלערט אויסער=
אָרדענטליכע אויפזיכט ביי פערשטאַרקטער אויפזיכט
ווערען ניט בעשטימט קיין נייע אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען, אין
אַלע אויסנאַהמס=פאָלמאַכטען ווערען איבערגעגעבען אין די הענד
פון דער עקזיסטירענדער אַדמיניסטראַציע, וועלכע בעקומט דאַן
פאָלג. רעכטען . יעדער פערדעכטיגע פעריאָן קען גענומען ווערען
אין אַרעסט דורך דעה אָרטיגען פאָליציי=נאַטשאַלניק אויף צוויי
וואָכען צייט, און דורך דעם אָרטיגען גובערנאַטאָר—אויף אַ גאַנצען
חודש; דער גענעראַל=גובערנאַטאָר אָדער דער גובערנאַטאָר—אויב עס
איז דאָרטען ניטאָ קיין גענעראַל=גובערנאַטאָר—האָט דאָס רעכט צו
פערבאָטען איינצעלנע פעריאָנען צו וואָהנען אין אַ געוויסען אָרט. אין
יעדער דירה און אין יעדער צייט קען געמאַכט ווערען אַ רעוויזיע
לויט דער פעראָרדנונג פון די אָרטיגע פאָליציי=נאַטשאַלניקעס.
אַלע פאָלקספערזאַמלונגען, געזעלשאַפטליכע אָדער אַפילו פריוואַטע
פערזאַמלונגען קענען געשלאָסען ווערען דורך דעם גובערנאַטאָר
אָדער דעם גענעראַל=גובערנאַטאָר; אויך מעגען זיי פערמאַכען
אויף דער גאַנצער צייט פון פערשטאַרקטער אויפזיכט וועלכע ניט
איז אינדוסטריע=אָדער האַנדעלס=אַנשטאַלטען. דער גובערנאַטאָר
האָט דאָס רעכט אַרויסצוגעבען אָבליגאַטאָרישע פעראָרדנונגען,
וועלכע זענען אויסען צו פערהיטען, אַז ס'זאָל ניט געשטערט
ווערען די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג און רוהע און די מלוכה=
זיכערהייט; פאַר עובר זיין אויף דיזע פעראָרדנונגען קען דער
גובערנאַטאָר שטראַפירען מיט 500 רובל אָדער 3 חדשים אַרעסט
(דער שטראָף ווערט תיכף אויסגעפיהרט, און מ'קען דעם גובער=
נאַטאָר ניט אָנקלאָגען). ווייטער קען דער גענעראַל גובערנאַטאָר
פאָדערן, אַז יענע קרימינעלע פראָצעסען, וועלכע קענען אַרויס=
רופען אַ צורודערונג און שטערען די אָרדנונג, זאָלען פאָרקומען
ביי געשלאָסענע טירען, אָהן שום זייטיגען עולם, אַחוץ צוויי
נאָהענסטע קרובים פון דעם בעשולדיגטען; אויך קען ער פאָדערן,
אַז געוויסע קרימינעלע פערברעכען (פאַר אַרויסווייזען אַ ווידער=
שטאַנד דער פאָליציי, פאַר אַן אָנפאַל אויף די מלוכה=בעאַמטע
א. ד. ג.) זאָלען גע'משפט ווערען אין קריעגס=געריכט, לויט די

געזעצען פון מלחמה=צייט, און דערביי קען מען די בעשולדיגטע צו׳פסקנ׳ען טוידטש-ראף אויפ׳ן גרונד פון ארט. 279 פון די מיליטער=סטאטוטען.

ביי אויסערארדענטליכער אויפזיכט בעקומט די ארטיגע אדמיניסטראציע די זעלביגע פאלמאכטען, ווי ביי פערשטארקטער אויפזיכט, נאר אחוץ דעם ווערט בעשטימט פאר דעם בעטרעפענדעם ארט א גענעראל=גובערנאטאר, אויב ער איז אין א געוועהנליכער צייט דארטען ניטא. אט דער הויפטנאטשאלניק האט, א חוץ אלע פאלמאכטען פון א גענעראל=גובערנאטאר, דאס רעכט צו קאנפיסקירען אונבעוועגליכען אייגענטהום (הייזער צ. ב.), ארויפלעגען אנ׳ארעסט אויף בעוועגליכע פערמעגענס און אויף דער הכנסה פון זיי, קען פערמאכען לעהר=אנשטאלטען אויף א טערמין ניט מעהר ווי א חודש, אבשטעלען פעריאדישע אויסגאבען אויף דער גאנצער צייט פון דער אויסערארדענטליכער אויפזיכט, בעזייטיגען פון שטעלע אויף דער זעלביגער צייט יעדען בעאמטען פון יעטוועדער אנשטאלט, אויסער די פערזאנען, וואס פערנעהמען א שטעלע פון די ערשטע דריי קלאסען. דער הויפטנאטשאלניק קען איבערגעבען צום מיליטער=געריכט ניט נאר איינצעלנע פראצעסען, נאר גאנצע קאטעגאריעס פראצעסען, קען ארעסטירען, פארזעצען אין געפענגניס אדער פעסטונג אויף 3 חדשים אדער שטראפירען מיט 3000 רובל, ווי פאר ניט ערפילען זיינע פערארדנונגען, אזוי אויך פאר אונגעזעצליכע מעשים בכלל. אויסער דעם האט דער הויפטנאטשאלניק דאס רעכט צו בעשטימען בעזונדערע נאטשאלניקעס אין איינצעלנע ערטער פון זיין געגענד, און שטעלען אונטער זייער רשות די גאנצע אדמיניסטראציע און די קאמאנדע איבער׳ן מיליטער, ער קען גרינדען בעזונדערע מיליטער=פאליציייאישע קאמאנדעס. ווען ס׳ווערט ערקלערט אין א וועלכען ניט איז ארט אויסעראָרדענטליכע אויפזיכט בעקומען די נאטשאלניקעס פון דער פאליציי און פון די שזאנדארמעריע=פערוואלטונגען אין די שכנישע גובערניעס דאס רעכט צו ארעסטירען די פערדעכטיגע פערזאנען אויף א משך ביז 7 טעג און מאכען ביי זיי הויזזוכונגען, און דער מיניסטער פון אינערן בעקומט דאס רעכט איבערצוגעבען אין די אויבענדערמאהנטע גובערניעס צום מיליטער=געריכט די פראצעסען וועגען פאליטישע פערברעכען,

פאר ארויבוויזען א בעוואפענטען ווידערשטאנד דער פאליציי, פאר אנ'אנפאל אויף א בעאמטען.

אויסער די אויסגערעכענטע פארמען פון אויסנאהמס=צושטאנד, קען איינגעפיהרט ווערען קריעגס=צושטאנד אין יענע ערטער, וועלכע געהען צריין אין ראיאן פון מלחמה=פלאץ, אדער וועלכע האבען בכלל א בעזאנדערס וויכטיגע בעדייטונג פאר דער מלוכה. ביי קריעגס=צושטאנד בעקוממט דער גען. גובערנאטאר אלע יענע פאל=מאכטען, וועלכע דער הויפטנאטשאלניק בעזיצט ביי אויסערארדענט=ליכער אויפזיכט. גלייכצייטיג, ווי ס'ווערט איינגעפיהרט קריעגס-צושטאנד מוזען תיכף ומיד איבערגעבען ווערען צום מיליטער=געריכט און גע'משפט ווערען לויט די געזעצען פון מלחמה=צייט אלע יענע פערברעכען, וועלכע קענען בלויז איבערגעבען ווערען צום מיליטער=געריכט ביי אויסערארדענטליכער אויפזיכט. ווייטער האט דער מיליטער=קאמאנדיר אדער דער הויפטנאטשאלניק דאס רעכט מבטל צו זיין אלע פערארדנונגען פון דער אדמיניסטראציע וועגען פערהיטען די מלוכה=ארדנונג, און אויב ס'איז נויטיג, קען ער אננעהמען אויסערארדענטליכע מיטלען, וועלכע זענען ניט פאראויסגעזעהען אין געזעץ. דערביי איז העכסט כאראקטעריסטיש פאלג: ריידענדיג וועגען דער התחיבות פון דער אדמיניסטראציע צו העלפען דער מיליטער=נאטשאלסטווע און ערפילען אלע איהרע פארערונגען בנוגע צו געבען ידיעות וועגען דער פאליטישער שטימונג פון דער בעפעלקערונג און פון איינצעלנע פערזאנען, איז ד.ר געזעץ דערביי מוסיף, „אז דיזע אלע ידיעות ווערען צונויפ=געקליבען מעגליכסט דורך מוגדליכע אונטערהאנדלונגען און אנפרעגען, אויסמיידענדיג איבעריגע שריפטליכע אונטערהאנדלונגען".

אויף אזא אופן געהען די פראצעסען ביי קריעגס=צושטאנד א סך איינפאכער, און די בעפעלקערונג איז בעפרייט ניט נאר פון דער טירחה צו האבען צוטהאן מיט'ן געזעצליכען געריכט, וועלכער קען זיך ציהען צוליב די פערשיעדענע פארמאליטעטען א לענגערע צייט, נאר אפילו אויך פון דער אדמיניסטראטיווער אפיציעלער אונטער=זוכונג; דאס איז אויך אנערקענט געווארען פאר אנ'איבעריגע זאך, און יעדער מענש קען בלויז אויפ'ן סמך פון די „געהיימע אונטער=האנדלונגען" ארויסגעשיקט ווערען אין א משך פון 24 שעה אין די מעהר אדער ווייניגער ווייטע מקומות. נאר ס'קען נאך פארקומען

אַ סך אַנ׳ערגערע געשיכטע, ווי אַרויסשיקען: דער הויפטנאַטשאַלניק האָט דאָך דאָס רעכט „אָנצונעהמען אויסעראָרדענטליכע, אין געזעץ ניט פאָראויסגעזעהענע מיטלען״, און אויפ׳ן פשוט׳ען לשון געשמועסט הייסט עס, אַז אין די ערטער, וואו ס׳איז ערקלערט קריעגסצושטאַנד קען מען יעדער בירגער דערשיסען לויט דעם בעפעהל פון דעם הויפט־נאַטשאַלניק, ניט נאָר אָהן שום געריכטליכע צערעמאָניעס, נאָר אפילו אָהן די „געהיימע אונטערהאַנדלונגען.״ ס׳איז גענוג, ווען „דער נאַטשאַלניק איז זיכער אין זיין שולדיגקייט״.

VII.

דער מאַניפעסט פון 17־אָקטאָבער 1905 און די פּראַקטישע אַנווענדונג פון דעם געזעץ וועגען אונפערהרבאַרקייט פון פערזאָן.

מיר האָבען בעטראַכט די זאָ גענאַנטע געזעצען וועגען „אונבעריהרבאַרקייט פון פערזאָן, וואָהנונג און קאָרעספּאָנדענץ״, וועלכע עקזיסטירען ביי אונז אין רוסלאַנד. וואָס קענען מיר דערפון צרויסדריגען? ...

מיט א יאָהר 50 צוריק האָט דער בעריהמטער רוסישער שריפטשטעלער הערצען, רעדענדיג וועגען דעם געזעץ, וועלכער בעפרייט דעם רוסישען אדעל פון לייב־שטראָף, געזאָגט אגב פאָלג: „דער אַדעל איז ביי אונז פערוואָרענט פון לייב־שטראָף ביז... די ערשטע שמיץ״. בנוגע צו דער פראַגע, וועגען וועלכער מיר ריידען דאָ, קען מען אויך זאָגען דאָס זעלביגע, מיט אביסעל אַנ׳אַנדער נוסח: „די אונבעריהרבאַרקייט פון פערזאָן, וואָהנונג און קאָרעספּאָנדענץ עקזיסטירט ביי אונז אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל דאָ איז ניחא דער נאַטשאַלסטווע״, אָדער ריידענדיג אויפ׳ן אָפיציעלען לשון — „אויף וויפיעל דאָס פּאַסט פאַר די כונות פון דער רעגירונג״, אָט דאָס איז דער קיצור פון די אַלע איבערגעבראַכטע „תקנות״, „דינים״ און „סטאַטוטען״!

אָבער אפשר איז דאָס אַלץ נאָר אַ מאָל געווען, איצט אָבער, אַז מיר האָבען דעם מאַניפעסט פון 17־טען אָקטאָבער 1905, וואו ס׳שטעהט בפירוש אויסגעטייטש, אַז „די אונבעריהרבאַרקייט

פון פערזאָן וועט בערהען אויף פעסטע יסודות״. — איז אנדערש געוואָרען?

קודם כל מוזען מיר בעמערקען, אז „יעדער קאָנסטיטוציע״ — ווי לאַסאַל דריקט זיך אויס — „בילדעט בלויז די אויפ׳ן פאַפיער פערשריבענע פערהעלטניס פון די געזעלשאַפטליכע קרעפטען אין דעם אָדער יענעם מאָמענט״, — און אונזער מאַניפעסט פון 17־טען אָקטאָבער האָט בעזאָנדערס קלאָר און דייטליך בעוויזען, ווי ווייט לאַסאַל האָט רעכט געהאַט. בעת דער רוסלענדער פראָלעטאַריאַט, מיאַש׳ווענדיג זיך אין דער מעגליכקייט צו פערבעסערן דורך פריעדליכע מיטלען זיין פאָליטישע לאַגע, האָט בעשלאָסען צו נעהמען זיינע רעכטען מיט בייזען, מיט גוואַלד־מיטלען, און האָט ערקלערט אין אָקטאָבער 1905 אַנ׳אַלגעמיינעם פאָליטישען שטרייק, האָט זיך די רוסישע רעגירונג דערשראָקען פאַר אַזאַ איינשטימיגען פראָטעסט פון דעם גאַנצען פאָלק מיט׳ן פראָלעטאַריאַט בראש און האָט נאָכגעגעבען. די מאַכט איז געווען אויפ׳ן צד פון פאָלק, די רעגירונג איז געווען מאַכטלאָז; און די דאַמאָלדיגע פערהעלטניס פון די קרעפטען אין רוסלאַנד האָט געבאָרען דעם אָקטאָבער־מאַניפעסט, וועלכער איז געשריבען געווען מיט׳ן בלוט פון פאָלק. אין מאַניפעסט זענען צוגעזאָגט געווען פערשיעדענע פרייהייטען: פרעס־פרייהייט, פערזאַמלונגס־פרייהייט, פרייהייט פון פערזאָן און א. ז. וו.; נאָך מעהר, ס׳איז אפילו געגעבען געוואָרען אַמניסטיע פאַר די פאָליטישע — אַ בעווייז, אז מיט די צוגעזאָגטע פרייהייטען האָט מען געמיינט גאַנץ ערנסט... נאָר ס׳איז פאַרביי אַ קורצע צייט. די רעגירונג איז געקומען אַ ביסעל צו זיך. די שוואַרצע־מאה׳ניקע עלעמענטען, וועלכע האָבען זיך בעהאַלטען אין דעם רעוואָלוציאָנערען מאָמענט, האָבען ווידער אויפגעהויבען דעם קאָפּ. די גרויס־בורזשואַזיע, ווי די אינדוסטריעלע, אַזוי אויך די פריצישע, האָט זיך אַרומגעזעהען, אז דער פראָלעטאַריאַט טרייבט די רעוואָלוציע אַזוי ווייט, אז דאָס קען ווערען אַנ׳ערנסטע סכנה פאַר איהרע ריוחים; די קליינבורזשואַזיע, דערלאַנגענדיג זיך געוויסע הנחות אויפ׳ן פאַפיער און זענענדיג איינגעמאַטערט פון דער רעוואָלוציע, האָט אָנגעהויבען צו פלאַפלען וועגען „אָרגאַנישע״ אַרבייט אין דער גאָסודאַרסטווענער דומע. דער פראָלעטאַריאַט, דער איינציג אמת׳ער קאָנזעקווענטער רעוואָלוציאָנערער קלאַס, איז געבליבען איינזאַם

אין דעם וויטערדיגען קאמפף און האט בלויז געקענט רעכענען אויף דעם מעהר רעוואלוציאנערען טייל פון די פויערים, אבער אויך דיזע הילף איז געווען צו קנאפ צוליעב דער קנאפער רעוואלוציאנערער ענטוויקלונג פון דעם בעוואוסטזיין ביי די פויערים. און די רעגירונג, אנשפארענדיג זיך אויף די קאנסערוואטיווע עלעמענטען פון דער בעפעלקערונג און אויפ'ן חיל, האט אנגעהויבען אבצולייגען די פערווירקליכונג פון די צוגעזאגטע פרייהייטען און נאכדעם האט זי לחלוטין מבטל געווען, ווען ניט אפיציעל, יערענפאלס אין דער פראקטיק, דעם מאניפעסט פון דעם 17-טען אקטאבער. דער מאניפעסט האט זיך ביסלעכווייז פערוואנדעלט, פונקט ווי אסך אנדערע מאניפעסטען, אין א טוידטען בלאט פאפיר פון דעם רוסישען געזעצבוך. און אז דער פראלעטאריאט איז נאך א מאל ארויסגעטראטען אין דעצעמבער אויף צו פערטיידיגען זיינע רעכטען, פאר וועלכע ער האט אזוי טייער בעצאהלט, האט די רעגירונג, בענוצענדיג זיך דערמיט, וואס דער פראלעטאריאט איז געבליבען איינער אליין אויפ'ן שלאכט-פעלד, אריינגעפיהרט אין אסך שטעדט קריעגס-צושטאנד. די קראפט איז געווען אויפ'ן צד פון דער רעגירונג, דאס פאלק איז אבגעשוואכט געווארען אין דעם אונגלייכען קאמפף, און וועגען דעם מאניפעסט האט מען אפילו אויפגעהערט צו דער-מאהנען: דאס נייע פע-העלטנים פון די געזעלשאפטליכע קרעפטען האט זיך באלד אבגעשפיגעלט אין דער רעגירונגס-רעאקציע, וועלכע בושעוועט נאך עד היום מיט אלץ א גרעסערער קראפט. צום ערשטען יולי 1906, אין רעכטען מיטען קאך פון דער ארבייט אין דומע, זענען פון אלע 87 גובערניעס און געגענדען פון רוסלאנד געווען גאנצע 82 אין אויסנאהמס-צושטאנד (קריעגס-צושטאנד, אויסערארדענטליכע אויפזיכט און ד. גל.), דהיינו: אין 15 — פערשטארקטע אויפזיכט, אין 27 — אויסערארדענטליכע אויפזיכט, און אין 40 — קריעגס צושטאנד...

איצט וועלען מיר בעשרייבען, ווי ווערען דיזע געזעצען דורכגעפיהרט אין דער פראקטיק. נאך מיט 2000 יאהר צוריק האבען די רוימער געזאגט: „דער בעסטער געזעץ, כל זמן ער געפינט זיך אין סענאט, איז א אונשולדיגע צנועה, געהט ער אבער ארויס אויפ'ן גאס, הויבט ער זיך אן פיהרען ווי א פראסטיטוטקע.

ד. ה. אפילו דער בעסטער געזעץ ווערט ניט אויסגעפיהרט אזוי, ווי ער זעהט אויס אויפ'ן פאפיר. דאס קומט ארויס דערפון, וואס אפילו דער סאמע גענויער געזעץ קען ניט פאראויסזעהען און פערווארענען אלע פאלען, ביי וועלכע ס'וועט אויסקומען צו פערווירקליכען איהם, און ממילא לערנט מען אין איהם דעם פשט, ווי מען וויל. און אזוי ווי דער געזעץ ווערט דורכגעפיהרט דורך די קלענערע בעאמטע — מענשען, וואס געפינען זיך שטענדיג אין א שווערער מאטעריעלער לאגע — טייטשען זיי אויס דעם געזעץ אזוי, ווי ס'לוינט פאר זיי... אין א דעמאקראטישער מלוכה, וואו די געזעצען וואלטען ארויסגעגעבען ווערען דורך דעם פאלק גופא, די בעאמטע — וואלטען אויסגעקליבען ווערען דורכ'ן פאלק און וואלטען געווען פעראנטווארטליך פאר דער פאלקס-פערטרעטונג — וואלטען נאטירליך אזעלכע שווינדלען אונמעגליך געווען; מחמת אויב ס'וואלטען זיך געפינען אזעלכע בעאמטע, וועלכע קימערן זיך ניט וועגען די אמת'ע פאלקס-אינטערעסען, וואלט מען זיי גלייך פעריאגט פון שטעל, און די געזעצען, וואס וואלטען ניט געפאסט פאר די פאלקס-אינטערעסען, וואלטען היכף פערביטען ווערען דורך אנדערע. נאר אין אונזער בורזשוא-פאליציאישער מלוכה, ווערען די געזעצען אויסגעארבייט דורך א היפיל אונפעראנטווארטליכע מיניסטארען און בעאמטע, וועלכע געהערען צום בורזשואזען און פריצישען שטאנד; די גאנצע אדמיניסטראציע זעהט נאר ווי צו פערהיטען די אינטערעסען פון די פריווילעגירטע קלאסען און פון דער רעגירונג, דאס פאלק בכלל און דער פראלעטאריאט בפרט האבען ניט קיין שום געזעצליכע מיטלען אויף צו פערטיידיגען זייערע אינטערעסען. דעריבער גיט די רעגירונג ארויס אזעלכע געזעצען, וואס זענען אויסען אדער צו פערווארענען איהרע אייגענע אינטערעסען אדער אויסשליסליך די אינטערעסען פון דער בורזשואזיע און פון דעם אדעל און די בעאמטע פיהרען זיי דורך אין לעבען אויף אזא אופן, אז די לאגע פון פאלק ווערט נאך א נערמרעגליכער. אויב די געזעצען, וועלכע ווערען ארויסגעגעבען און אנגעווענדעט אין דער געזעצליכער ארדנונג, זענען דורכאויס געבויט אויף פניות, האבען אלץ אין זינען די פריווילעגירטע קלאסען, היינט וואס פאר א גוטס קען מען שוין ערווארטען פון דעם גאנצען דומעל „תקנות", „פעראָרדנונגען", „צירקוליארען" און „סטאטוטען",

וועלכע ווערען אנגעווענדעט דורך דער אדמיניסטראציע אהן א שום געזעצליכען יסוד נאך זייער אייגענעם ווילען און „שכל הישר" אהן שום דין און משפט? ס'פערשטעהט זיך, אז די פאליציי און אדמיניסטראציע זארגט דערביי קודם כל פאר איהר אייגענער טובה, האבענדיג אין זינען נאר איין „דין": „דא — בין איך דער פריץ", און די אייזערנע לאפע פון דער אדמיניסטראציע לעגט זיך בעזאנדערס שווער אויף יענע טיילען פון דער בעפעלקערונג, וועלכע זענען בכלל בעשרענקט אין זייערע רעכטען: אויף די פוערים, פראלעטאריער, אידען, ארמענער, פאליאקען און בכלל אויף אלע אונטערדריקטע נאציאנען. מיר האבען וועגען דעם געקענט ברענגען גענוג פאקטען און ראיות פון די אפיציעלע ערקלערונגען, נאר צוליעב דוחק אין ארט, ווילען מיר זיך בענוגענען נאר מיט עטליכע: „אם שווערסטען זענען פאר דער בעפעלקערונג — זאגט דער דירעקטאר פון פאליציי־דעפארטאמענט אין זיין ניט לאנג פערעפענטליכען אפיציעלען בעריכט — די תקנות וועגען איפזיכט, וועלכע גיבען דער אדמיניסטראציע דאס רעכט אונטערצודריקען די פרייהייט פון פריוואטע פערזאנען אין דער פארמע פון הויזזוכונגען, ארעסטען און ארויסשיקונגען. לויט די תקנות וועגען איפזיכט, קענען פארגענומען ווערען הויזזוכונגען אהן א שום בעזונדערען גרונד, און דעריבער האט דאס סיסטעם פון הויזזוכונגען זיך זעהר שטארק פערשפרייט און דאס ווערט אנגעווענדעט אלם א מיטעל צו איבערצייגען זיך, ווי וויים די אדער יענע פערזאן איז ניט פערדעכטיג אין פאליטישען זינן; אין אנדערע ערטער נעהמען פאר הויזזוכונגען ניט נאר אקאלאדאטשני נאדזיראטעלעם, וועלכע האבען דערויף ניט דאס רעכט, נאר אפילו גאראדאוואיעם. דער ווילקיר וועלכער הערשט אין פרט פון די הויזזוכונגען האט זיך אזוי איינגעגעסען אין דער פראקטיק פון דער אדמיניסטראציע און פאליציי, אז די צענטראלע איינריכטונגען, דאס מיניסטעריום, האט מעהר ניט בכח צו קעמפפען געגען דיזעם ווילקיר; דער קאמפף איז נאך שווערער צוליעב דעם, ווייל די צענטראלע מאכט געפינט ניט אין דעם קאמפף קיין שטיצע אין דעם געזעץ, און זי מוז זיך בענוגענען מיט אלגעמיינע צירקולארען, וועלכע זענען אסך וועניגער פערשטענדליך דער ערטיגער אדמיניסטראציע, איידער די איינפאכע סברא, אז מ'קען קאנטראלירען

די אײנוואָהנער און האַלטען זײ אין צאַם דורך אָפטע הויז־זוכונגען. דאָס רעכט צו אַרעסטירען פערוואַנדעלט זיך מיט דער צײט אַלץ מעהר פון אַ מיטעל אויף צו פערהיטען פערברעכען — אין אַ מיטעל צו בעשטראָפען פאַר פערברעכען. אין אַסך גובערניעס האָבען די איספראַווניקעס אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען פעראָרדנונגען וועגען אַרעסטען. די זשאַנדאַרמעריע אַרעסטירט און האַלט פערשפאַרטער הײט מענשען אָהן אַ גענוגענדען גרונד: דאָס רוב בעגוגענען זײ זיך מיט די ידיעות פון די אַגענטען*), ידיעות, מיט אַנ׳אונקלאָרען אינהאַלט און ניט קאָנטראָלירטע". דאָס איז די אָפיציעלע מײנונג פון דעם דירעקטאָר פון פאָליצײ־דעפּאַרטאַמענט, וועמען מ׳קען נאַטירליך ניט חושד זײן, אַז ער איז מגזם די זאַך, אָבער די מײנונג בעריהרט נאָר אײניגע זײטען פון די „תקנות וועגען אויפזיכט". די אַדמיניסטראַציע האָט שוין לאַנג איבערגעטראָטען דעם קרײז פון רעכטען, וועלכע ס׳גיט איהר ניט נאָר די פערשטאַרקטע, נאָר אַפילו די אויסעראָרדענטליכע אויפזיכט. פון 20־טען אָקטאָבער 1905 ביז 20־טען יוני 1906, ד. ה. פאַר 8 חדשים צײט זײנען פער׳משפט געוואָרען דורך די קריעגס־געריכטען איבער 200 מענשען צום טוידט־שטראָף, פאַר דעם אײן חודש דעצעמבער האָבען די שטראָף־עקספּעדיציעס אין מאָסקווער גוב. ערמאָרדעט אָהן שום משפט 54 מענשען, אין באַלטישען געגענד האָט דער שטראָף־אָטריאַד פון אָרלאָוו׳ן צושאָסען פאַר 3 חדשים צײט איבער 150 מענשען, אויף וועלכע ס׳האָבען אָנגעוויזען די פּריצים, די פּאָליצײ־שרײבער די פּאָליצײ און אַז. וו. מ׳דאַרף דערבײ בעמערקען, אַז די נאַטשאַלניקעס פון אַלע שטראָף־עקספּעדיציעס האָבען בעקומען פאַר זײער אַרבײט „אַנ׳אַלערהעכסטען דאַנק" פאַר „פלײסיגע דיענסט" און אַ חוץ די „רוחניות" אויך גשמיות — געלד־נאַגראַדעס און אָרדענס; די סאָלדאַטען האָט מען אויך בעלוינט פאַר זײער „טרחה". אויב דאָס לעבען פון מענשען איז אַזוי ביליג בײ אונזער רעגירונג, איז איבעריג צו זאָגען, אַז מיט בעלײדיגונגען און גוואַלד־אַקטען בעגעגענען מיר זיך אויף שריט און טריט: מ׳שלאָגט אויף די גאַסען, מ׳שלאָגט אין די פּאָליצײ־ציר־קלען, מ׳שלאָגט אין די טורמעס... זיפצען און קרעכצען טראָגען זיך פון אײן עק לאַנד ביז דעם צווײטען

*) שפּיאָנעס ווערען אָנגערופען אויפ׳ן אָפיציעל׳ען לשון אַגענטען.

פאַר דער לעצטער צייט קומען נאָך פאַר גרויזאַמערע זאַכען: מען שענדעט פרויענצימער, וועלכע פאַלען אַריין אין די פאָליציאישע לאַפּעס... דאָס איז אין אַ געוועהנליכער פריעדליכער צייט. בעת ס'ברעכען אָבער אויס אונרוהען אין דאָרף אָדער אין שטאָדט, ווערט די גאַס פערוואַנדעלט אין אַ שלאַכט-פעלד, און די „גבורים" סאָלדאַטען, וועלכע מ'שכורט פריהער אָן, אַז זיי ווייסען ניט אויף וואָסער וועלט זיי זענען, צושיסען פון האַרמאַטען און פולעמיאָטען אפילו דעם פריעדליכען טייל פון דער בעפעלקערונג, וועלכער האָט קיין שום שייכות ניט צו די אונאָרדנונגען. ניט זעלטען אָבער פערגלוסט זיך דער רעגירונג צו מאַכען אַ בלוט-באָד אין אַ צייט, ווען ס'איז פערהעלטניסמעסיג שטיל. און כדי יוצא צו זיין פאַר דער וועלט און בעווייזען, אַז די שחיטה איז געמאַכט געוואָרען ניט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, שיקט מען צו עטליכע פראָוואָקאַטאָרס, וועלכע מאַכען כלומרש'דיגע אָנפאַלען אויף דער פאָליציי אין סאָלדאַטען, און באַלד הויבט מען אָן אָבצורעכענען זיך מיט די „רעוואָלוציאָנערען". דיזער „מיטעל" ווערט איבערהויפט אָנגעווענדעט געגען דעם אַלטען שעיר לעזאזל — געגען די אידען. ס'איז גענוג צו דערמאָהנען ביאַלעסטאָק, וואַרשע, און סעדלעץ! אָבגעפטרט מיט די רעוואָלוציאָנערען — הויבט זיך אָן דער „געריכט", וועלכער ענדיגט זיך מיט טויט-שטראָף, קאַטאָרגע און פערשיקונג פון הונדערטער און טויזענדער מענשען. מ'מוז אָבער מודה זיין, אַז אפילו ביי אַזאַ מהומה, פערליערט די רעגירונג ניט דעם קאָפּ, און זי בעגעהט זיך מיט אַ געוויסען „סדר", און „יושר", מאַכענדיג אַנ'אונטערשייד צווישען די העכערע, פריווילעגירטע און די ניעדעריגערע ניט פריווילעגירטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג; ביים פערשיקען טויזענדער מענשען אין די וויטעסטע מקומות פון אייראָפּעאישען און אַזיאַטישען רוסלאַנד, קלייבט זי שטענדיג אויס פאַר די פויערים און אַרבייטער די ערגסטע ערטער; ניט בענוגענדיג זיך דערמיט, האָט די רעגירונג אַריינגעטראָגען די אַרבייטער און פויערים אין דער קאַטעגאָריע „מענשען מיט פערדאָרבענע מידות", און דורכדעם האָט זי אָבגענומען ביי זיי אין זייערע פאַמיליעס יענעם „חלק", וועלכען ס'בעקומען געוועהנליך די אַדמיניסטראַטיוו-פערשיקטע. געוועהנליך האָט די רוסישע רעגירונג ניט פערגעסען אָן די אידישע אַרבייטער: בעת מ'האָט בעשלאָסען אין יאָהר 1901

אָנצואווענדען געגען די דעמאָנסטראַנטען ריטער, האָט קודם כל געליטען דערפון דער אידישער פראָלע-אַריאַט אין ווילנע, קאָוונע, מינסק און אין אַנדערע שטעדט פון דער „טשערטאַ", בעת מ'האָט אָנגעהויבען אַרויסצושיקען אַדמיניסטראַטיוו קיין סיביר פאַר אַנ'אַנטייל אין שטרייקען, האָט מען די אידישע פראָלעטאַריער שטענדיג פערשיקט אין יאַקוטער געגענד און בכלל אין מזרח-סיביר — דיזע ערטער רעכענען זיך אַלס די ערגסטע פאַר די פערשיקטע. די רוסישע אַרבייטער פלעגט מען פאַר אַזעלכע חטאים אָדער אָבשיקען אין זייער געבורטס-אָרט, שטעלענדיג זיי אונטער דער פּאָליציי-אויפזיכט, אדער מ'פלעגט זיי אַרויסשיקען אין נעהענטערע גובערניעס און אויף אַ קירצערען טערמין.

VIII.

די אונבערירבאַרקייט פון פּערזאָן, וואָהנונג און פּריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ אין ענגלאַנד.

איצט זיינען מיר שוין בעקאַנט געוואָרען מיט דער „טעאָריע" און „פּראַקטיק" פון דער אונבערירבאַרקייט פון פּערזאָן און אַז. וו. אין רוסלאַנד. אַזאַ רעכטסלאָזיגקייט און ווילקיר איז ניטאָ אין קיין איין איינציגער אייראָפּייאישער מלוכה, אַחוץ טערקיי, און פון די אַזיאַטישע מלוכות — הערשט אַזאַ מין „אָרדנונג" אין פּערסיע און כינא. אין אַלע איבעריגע לענדער איז יעדער בירגער פערוואָרענט מיט געוויסע גענוי בעשטימטע רעכטען, צו וועלכע ס'געהערט אויך דאָס רעכט וועגען דער אונבערירבאַרקייט פון פּערזאָן אין בריינטען זינן פון וואָרט, רעכטען וועלכע ס'קענען אָבגענומען ווערען בלויז דורך דעם געריכט. בעזאָנדערס גוט איז גאַראַנטירט די אונבערירבאַרקייט פון פּערזאָן אין ענגלאַנד: דאָ האָבען די בירגער געפיהרט אַ לאַנגען כסדר'דיגען קאַמפּף פאַר זייער פּאָליטישע און בירגערליכע פרייהייט, וועלכער האָט זיך געצויגען כמעט 500 יאָהר, ביז די אויבערשטע מאַכט איז כמעט אין גאַנצען איבערגעגאַנגען אין די הענד פון די פאָלקס-פערטרעטער, צווישען די אַנדערע רעכטען, האָבען זיי זיך אויך דערשלאָגען די אונבערירבאַרקייט פון פּערזאָן, וואָהנונג און פּריוואַטע קאָרעספּאָנדענץ. מיר וועלען

דאָ ניט רעדען וועגען דעם גאַנצען גאַנג פון דעם דאָזיגען קאַמפף, וויַיל דאָס וואָלט אונז געפיהרט צו וויַיט, מיר וועלען נאָר בקיצור בעקאַנט מאַכען דעם לעזער מיט די געזעצען וועגען דער אונבעריהרבאַרקייט פון פערזאָן.

דער ערשטער געזעץ וועגען אונבעריהרבאַרקייט פון פערזאָן געהערט דעם יאָהר 1215. אין יענעם יאָהר האָט דאָס ענגלישע פאָלק געצוואונגען דעם דאַמאָלסדיגען ענגלישען קייזער יאַאַנן אונטערצושריַיבען און בעשטעטיגען „דעם גרויסען טשאַרטער פון פריַיהייטען", אין וועלכע ס'זענען אויסגערעכענט געוועזען די רעכטען פון די ענגלענדער, וואָס פערוואָרענען זיי פון דעם ווילקיר פון דער קייזערליכער מאַכט. „קיין פריַיער מענש" — איז אויסגעטיַיטשט אין איין פונקט פון דעם דאָזיגען „טשאַרטער" — וועט ניט אַרעסטירט ווערען, ניט פערשפּאַרט ווערען אין געפענגניס, ניט ערקלערט ווערען אויסער געזעץ, אָדער פעריאָגט ווערען פון לאַנד אָדער אויף וועלכען ניט איז אַנדער אופן איינגעשרענקט ווערען אין זיינע רעכטען, און מיר (דאָס הייסט דער קייזער וועלכער האָט אונטערגעשריבען דעם טשאַרטער) וועלען ניט געהען אויף איהם אָדער ניט אָנשיקען אויף אימיצען, סיידען לויט דעם אורטהייל פון זיין גליַיכען אָדער לויט דעם געזעץ". א צווייטער געזעץ האָט געהאַט דעם ציעל צו געבען די מעגליכקייט יעדער אונגעזעצליך אַרעסטירטען צו בעפריַיען זיך פון אַרעסט; די ענגלענדער האָבען זיך דערבייַ בענוצט מיט דעם אַלטען ענגלישען מנהג, לויט וועלכען יעדערער האָט געהאַט דאָס רעכט צו ווענדען זיך צום העכסטען געריכט, מיט א בקשה, מ'זאָל אַרויסגעבען אַ בעפעהל צו ברענגען איהם צום געריכט. (אַז דיזער בעפעהל, וועלכען מ'פלעגט פריהער שריַיבען אויף לאַטיין, הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „האַבּוס קאָרפּוס", ד. ה. „נעם דעם קערפּער פון דעם און דעם", און צוליעב דעם רופען זיך אַזעלכע בעפעהלען עד היום מיט'ן נאָמען „האַבּוס קאָרפּוס"). לויט דעם בעפעהל „האַבּוס קאָרפּוס" איז יעדע פערזאָן אָדער יעדע איינריכטונג, וועלכע ס'האָט וועמען ניט איז פערהאַלטען, מחויב געוועזען תיכף ומיד צוצושטעלען דעם אַרעסטירטען אין געריכט און מיטטהיילען דעם געריכט, וועגען די אורזאַכען פון דעם אַרעסט און פון דעם וויַיטערדיגען האַלטען אונטער'ן שלאָס; דער געריכט קלייבט פאַנאַנדער דאָ אויפ'ן אָרט די זאַך פאַר דעם

בעשולדיגטען אין די אויגען און זאגט ארויס זיין אורטייל: אדער מ'זאל דעם אנגעקלאגטען תיכף בעפרייען, אדער פערהאלטען אויף ווייטער. אין דיזע צוויי געזעצען האט מען מעהר ווי מיט 700 יאהר צוריק פארמולירט די גרונדבעדינגונגען פון דער פערזענליכער אונבעריהרבארקייט. אבער הגם אין דעם טשארטער איז צוגעזאגט געווארען מקים צו זיין די פערשפראכענע פרייהייטען אויף אייביג, און הגם דער „האבעאס קארפוס" האט געגעבען די מעגליכקייט יעדען אונגעזעצליך ארעסטירטען תיכף צו בעפרייען זיי, פונדעסטוועגען האבען זיך די ענגלענדער אין גיכען איבערצייגט, אז צוזאגען עפעס און אויספיהרען עס אין לעבען — זענען גאר צוויי באזונדערע זאכען. די רעגירונגס-בעאמטע האבען געפונען די פערשידענסטע וועגען, ווי אזוי ארומצוגעהען דעם געזעץ, און אפטמאל פלעגען זיי פשוט עובר זיין אויפ'ן געזעץ, ווייל ביי זיי אין האנד איז געלעגען די מאכט, און די ענגלענדער זענען דערגאנגען פון דעם ביטערען נסיון די פאליטישע אקסיאמע, אז די פרייהייטען פון פאלק קענען פערווארענט זיין בלויז אין דעם פאל, ווען דאס פאלק וועט אליין דורך זיינע אויסגעקליבענע פערטרעטער ארויסגעבען געזעצען, בעשטימען שטייערן און קאנטראלירען די הוצאות פון דער מלוכה. דעריבער האבען די ענגלענדער אנגעווענדעט אלע זייערע קרעפטען, אויף צו פערווארענען פאר זיך די דאזיגע רעכטען, און אין גיכען נאכדעם ווי ס'איז ארויסגעגעבען געווארען דער טשארטער, האבען זיי זיך דערשלאגען א פארלאמענט, און דורך דעם פארלאמענט האבען זיי דערגרייכט נאך א לאנגען הארטענקיגען קאמפף די ווירקליכע גאראנטיעס פון דער פערזענליכער אונבעריהרבארקייט. די גאראנטיעס וועגען פערזענליכער אונבעריהרבארקייט זענען גענוי פארמולירט אין דעם בעריהמטען „האבעאס קארפוס אקט", וועלכער איז ארויסגעגעבען געווארען אין יאהר 1678, און אין דער „דעקלאראציע פון רעכטען", וואס איז ארויס מיט 10 יאהר שפעטער, בעת אויפן ענגלישען טראהן איז ארויף א נייע דינאסטיע. אט די אלע גאראנטיעס בעשטעהען אט אין וואס: ארגאניזירען ווי געהעריג דעם געריכט, בעשרענקען די רעכטען פון דער אדמיניסטראציע און שטעלען זיי אונטער דער אלגעמיינער געריכטליכע פעראנטווארטליכקייט, איינפיהרען א ספעציעלע געריכטס-ארדנונג וועגען די ענינים, וואס האבען א שייכות צו ארעסטען.

די ריכטער אין ענגלאַנד ווערען ניט בעשטימט דורך דער רעגירונג, נאָר ווערען אויסגעקליבען דורכ'ן פאָלק אויף אַ בעשטימטען טערמין; זיי מוזען בעזיצען אַ געוויסע יורידישע בילדונג, בעקומען גוטען געהאַלט, כדי זיי זאָלען ניט דאַרפען אָנקומען צו שוחד, דאַרפען ניט בעשטעטיגט ווערען דורך דער אַדמיניסטראַציע און קענען ניט ענטזאַגט ווערען דורך איהר, זיי קענען בעזייטיגט ווערען פון שטעל בלויז דורך דעם פּאַרלאַמענט און לויט דעם פסק דין פון דעם געריכט. אויסער די ריכטער בעטייליגט זיך אויך די בעפעלקערונג אין געריכט, אַלס געשוואָרענע; דער געריכט פון געשוואָרענע עקזיסטירט ניט בלויז פאַר קרימינעלע פּראָצעסען, נאָר אויך פאַר געוויסע ציוויל-פּראָצעסען; אויסער דעם נעהמען די געשוואָרענע אַן אַנטייל אין דער אויספאָרשונג. קיינע אויסנאַהמס-געריכטען זענען אין ענגלאַנד ניטאָ, און אַלע ענגלענדער ווערען גע'משפט דורך דעם זעלביגען געריכט, נאָך דעם גלייכען געריכטס-סדר (נאָר די לאָרדען אין זייערע זין ווערען גע'משפט דורך דער פּאַלאַטע פון די לאָרדען; דיזער מנהג איז געבליבען בירושה פון די אַלטע צייטען, ווען יעדער האָט געדאַרפט גע'משפט ווערען דורך ריכטער, וועלכע געפינען זיך אין דעם זעלביגען שטאַנד ווי דער גע'משפט'ער). אַזוי ווי דער געריכט איז גלייך פאַר אַלע ענגלענדער בירגער אָהן אַן אויסנאַהם, ווערען גע'משפט אין דעם געריכט פון געשוואָרענע אַלע בעאַמטע, מיליטער-לייט און אַז. וו., וואָס פאַר אַ הויכע שטעלע זיי זאָלען ניט פערנעהמען, דערביי דאַרף מען ניט האָבען דעם הסכם פון דער העכערער אַדמיניסטראַציע. נאָך מעהר, דאָס אַריינמישען זיך פון דער נאַטשאַלסטווע, אַפילו פון דעם קעניג אַליין, קען קיין שום פעולה ניט ברענגען דעם אָנגעקלאָגטען, ווייל יעדערער איז אַליין פעראַנטוואָרטליך פאַר זיינע מעשים.

די אַרעסטען זענען אין ענגלאַנד איינגעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס: 1) אַזעלכע, וואָס ווערען פאָרגענומען לויט אַ ספּעציעלען בעפעהל און 2) — אָהן אַ בעפעהל. דאָס רעכט אַרויסצוגעבען בעפעהלען וועגען אַן אַרעסט געהערט די פרידענס-ריכטער און די מיטגליעדער פון דעם „קעניגליכען געריכט", און בנוגע צו די ענינים וועגען מלוכה-פערברעכען — אויך די מיטגליעדער פון דעם „געהיימען קעניגליכען ראַטה" און די מיניסטאָרען. אַ חוץ

זיי האָט ניט דאָס רעכט ניט די אַדמיניסטראַציע און ניט די פּאָליציי אָבצוגעבען אַ בעפעהל וועגען אַנ'אַרעסט. אַזעלכע בעפעהלען וועגען אַרעסטירען קען אָבגעגעבען ווערען נאָר אין דעם פאַל, ווען דער פערברעכען איז זעהר אַ שווערער און געגען דעם בעשולדיגטען זענען דאָ ערנסטע וויכטיגע בעווייזען, דערביי דאַרף אין דעם בעפעהל גענוי אויסגעטייטשט זיין דער נאָמען פון דעם פערברעכער און דער חטא, אין וועלכען ער ווערט בעשולדיגט; אויך מוז זיין אַ אָפיציעלע חתימה פון דעם בעאַמטען, וועלכער ס'האָט אָבגעגעבען דעם בעפעהל; אויב די דאָזיגע תקנות זענען ניט אָבגעהיט געוואָרען, האָט דער בעשולדיגטער דאָס רעכט ניט צו לאָזען זיך אַרעסטירען; האָט מען איהם אָבער דאָך אַרעסטירט, האָט ער דאָס רעכט צו קלאָגען זיך אויף דעם אונגעזעצליכען אַרעסט. דער בעפעהל וועגען אַרעסטירען ווערט אויסגעפיהרט דורך דער פּאָליציי, וועלכע איז דערביי מחויב בעקאַנט צו מאַכען דעם אַרעסטירטען מיט דעם אינהאַלט פון דעם בעפעהל; אויב זי האָט דאָס ניט געטהאָן, ווערט זי דערפאַר בעשטראָפט. ביים אַרעסטירען טאָר זי ניט בעליידיגען, סטראַשען אָדער אָנטהאָן גוואַלד; אויב די פּאָליציי דאַרף אַריינגעהען אין אַ הויז, כדי צו אַרעסטירען וועמען ניט איז, מוז זי פריהער בעטען אַנ'ערלויבניס ביים בעל-הבית פון דירה, און סיידען אויב מ'וויל ניט אַריינלאָזען, קען זי צריין מיט גוואַלד. אויף צו מאַכען אַ הויז-זוכונג מוז אויך זיין אַ ספּעציעלע פעראָרדנונג, וואו עס דאַרף זיין גענוי אָנגעגעבען די דירה, אין וועלכער די הויז-זוכונג דאַרף געמאַכט ווערען און די חפצים, וועלכע דאַרפען דורכגעקוקט ווערען; די פעראָרדנונגען וועגען אַ הויז-זוכונג ווערען אַרויסגעגעבען דורך די זעלבינע פּערזאָנען און נאָך דעם זעלביגען סדר, ווי די פעראָרדנונגען וועגען אַרעסטירען, דערביי קענען די הויז-זוכונגען געמאַכט ווערען דוקא ביי טאָג און דוקא פאַר עדות.

אַרעסטירען אָהן אַ בעפעהל קען די פּאָליציי נאָר אין דעם פאַל, ווען זי כאַפּט פאַר'ן האַנד ביי אַ שווערען פערברעכען; אויב דער פערברעכען איז אָבער ניט אַזאַ שווערער, קען זי אַרעסטירען בלויז אין דעם פאַל, ווען דער פערברעכער איז אַנטלאָפען אָדער האָט זיך געפּרואווט אַנטלויפען, אָדער ווען דער בעשולדיגטער האָט ניט קיין בעשטימטען וואָהנאָרט און מ'קען ניט דערגעהן, ווער

ער איז. אַפּעסטען צוליעב אַ חשד קען די פּאָליציי פֿאָרנעהמען באַר אין דעם פֿאַל, ווען זי האָט אַ פֿעסטען גרונד חושד צו זיין וועמען ס'איז, אַז ער האָט בעגאַנגען אָדער אַ מלוכה-פֿערברעכען אָדער אַ שווערען קרימינאַל-פֿערברעכען, דערביי קען די פּאָליציי בעשטראָפֿט ווערען, אויב דער געריכט וועט אַנערקענען, אַז דער גרונד איז ניט געווען קיין גענוגענדער. די פּאָליציי טאָר אָבער בשום אופן ניט אַרעסטירען אַ מענשען, אויף וועלכען ס'איז געפֿאַלען אַ חשד וועגען אַ קליינעם פֿערברעכען.

יעדער אַרעסטירטער, צוליעב וואָס מ'זאָל איהם ניט אַרעסטירען און ווער ס'זאָל ניט געהאַט אָבגעגעבען דעם בעפֿעהל וועגען דעם אַרעסט, מוז תיכף אָדער לכל הפּחות ניט שפּעטער ווי אין פֿערלויף פֿון 24 שעה געבראַכט ווערען צום ריכטער אָדער צו דעם, וועלכער האָט אָבגעגעבען אַ בעפֿעהל וועגען דעם אַרעסט אָדער, אויב דער אַרעסט איז פֿאָרגעקומען אָהן אַ בעפֿעהל — צו יענעם ריכטער, וועלכען ס'געהערט דער דאָזיגער ענין. אויב דער פּראָצעס איז ניט זעהר קיין פֿערוויקעלטער און די צייט ערלויבט עס, מוז דער ריכטער תיכף ומיד פֿאַנאַנדערקלייבען דעם ענין, און לויט נאָכדעם, צו ס'ווייזט זיך יע אַרויס די בעשולדיגונג אָדער ניט, גיט ער באַלד אַרויס אַ פּסק אָדער בעפֿרייט דעם אַרעסטירטען. אויב אָבער דער ענין געהערט אין אַן אַנדער געריכטס-אינסטאַנץ אָדער דער פּראָצעס איז אַ פֿערוויקעלטער, אַז מ'קען איהם ניט פֿאַנאַנדערקלייבען אין איין זיצונג, מאַכט דער ריכטער די ערשטע אויספֿאָרשונג כדי פֿעסטצושטעלען, צי דאַרף דער בעשולדיגטער איבערגעגעבען ווערען צום געריכט, און אויב יע — טאָ וואָס פֿאַר אַ מיטלען דאַרפֿען אָנגענומען ווערען געגען דעם בעשולדיגטען, אַז ער זאָל זיך ניט אַרויסדרעהען און זאָל קומען צום געריכט. די אויספֿאָרשונג קומט פֿאָר עפֿענטליך אין דער געגענוואַרט פֿון דעם בעשולדיגטען און זיין פֿערטיידיגער. געפֿינט דער ריכטער ביי דער אויספֿאָרשונג, אַז דער בעשולדיגטער איז ריין, איז ער מבטל דעם גאַנצען פּראָצעס און בעפֿרייט דעם אַרעסטירטען; געפֿינט ער איהם פֿאַר שולדיג, גיט ער איהם איבער צים קרימינאַל-געריכט. אין לעצטען פֿאַל קען ער אַרויסלאָזען דעם בעשולדיגטען אויף ערבות, וועלכע בעשטעהט דערין, וואָס דער בעשולדיגטער און צוויי בעקאַנטע זיינע גיבען אַרויס אַ חתימה, אַז אויב ער וועט

ניט קומען צום בעשטימטען טערמין צום געריכט, וועלען זיי איינצאָהלען אַ געוויסע סומע געלד. בעכרייען אויף ערבות — דאָס וואָרט אָנגעווענדעט אין ענגלאַנד אין זעהר אַ ברייטען מאַסשטאַב; ביי געוויסע קליינע פערברעכען איז דער ריכטער אַפילו מחויב על פי געזעץ אַרויסצולאָזען אויף ערבות; פאַר אָבזאָגען צו בעפרייען אויף ערבות אָדער פאַר פאָדערן צו גרויסע ערבות, קומט אַ האַרטער שטראָף.

אַט די אַלע געבראַכטע תקנות גאַראַנטירען שוין גענוג די אונבערירבאַרקייט פון פּערזאָן, נאָר אין דער ענגלישער געזעצגעבונג זענען דאָ נאָך גאַראַנטיעס, וועלכע זענען פערוואָרענט דורך די געזעצען פון דעם „האַבעאַס קאָרפּוס". „אַ בעפעהל וועגען שטעלען פאַר'ן געריכט" קען פאָדערן ניט נאָר דער אַרעסטירטער אַליין, נאָר אַפילו זיינע קרובים, בעקאַנטע, זיין בעפאָלמעכטיגטער און ענדליך יעדער זייטיגער מענש, וועלכער רעכענט, דאָס איימיצער איז אונגעזעצליך אַרעסטירט. רעכט צו פאָדערן „אַ בעפעהל וועגען ברייננגען צום געריכט" האָבען ניט נאָר מענשען, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרען דורך די בעאַמטע צוליעב אַ געוויסען פערברעכען, נאָר אַפילו אַזעלכע, וואָס זענען פערהאַלטען געוואָרען דורך פּריוואַטע מענשען צוליעב פערזענליכע מאָטיווען, צ. ב. אַ פרויען־צימער, וועלכע מ'האָט פערשפאַרט אין מאָנאַסטיר, אַ קינד, וועלכען מ'האָט מיט גוואַלד אָבגעגעבען אין יתומים־הויז און א. ז. וו. דאָס זעלביגע רעכט, ענדליך, האָבען ניט נאָר די ענגלישע אונטערטהאַנען, נאָר אַפילו אַלע אויסלענדער, ווי באַלד זיי געפינען זיך אויף דער ענגלישער טעריטאָריע און „אָטהמען מיט דער ענגלישער לופט". די פאָדערונג וועגען אַרויסגעבען דעם בעפעהל „האַבעאַס קאָרפּוס", דאַרף זיין אַ געשריבענע, אונטערגע'חתמ'עט פון צוויי עדות און זי דאַרף אַדרעסירט זיין אין איינע פון די אָבטהיילונגען פון דעם העכסטען געריכט. אויב דער אַרעסטירטער ווערט בעשולדיגט אין אַ שווערען פערברעכען, מוז צו דעם בקשה־בריעף צוגעלעגט זיין אַ קאָפּיע פון דעם בעפעהל וועגען דעם אַרעסט. אויב דער אויפזעהער איבער'ן געפענגנים גיט ניט אַרויס די קאָפּיע אין פערלויף פון 6 שעה נאָכדעם, ווי דער אַרעסטירטער האָט זי פערלאַנגט, ווערט ער שטראַפירט דעם ערשטען מאָל מיט 100 פונט סטערלינג*)

*) אַ פונט סטערלינג איז אינגעפעהר 10 ר"כ.

דעם צווייטען מאל — מיט 200 פונט און דערביי פערליערטער אויך זיין שטעל און קען זי קיין מאל מעהר ניט פערנעהמען ווידער. דאס שטראף-געלד געהערט דעם ארעסטירטען. דער ארעסטירטער מוז דערביי נעהמען א שבועה, אז זיין בקשה וועגען ארויסגעבען א קאפיע איז ניט ערפילט געווארען. אויב אימיצער איז פערהאלטען געווארען צוליעב פערזענליכע מאטיווען, און ניט וועגען א פערברעכען, קען ער פאדערן א בעפעהל וועגען ברייננגען איהם צום געריכט אהן שום פארמאליטעטען. בעקומענדיג די בקשה, מאכט געוועהנליך דער געריכט תיכף א פעראָרדנונג וועגען ארויסרופען דעם ארעסטירטען אין געריכט. דער געריכט קען אבזאגען אין דער בקשה בלויז אין דעם פאל, ווען דער ארעסטירטער ווערט בעשולדיגט אין א פערראטה געגען דער מלוכה אדער אין א שווערען קרימינאל-פערברעכען אדער ווען דער ארעסט איז פארגעקומען לויט דעם פסק-דין פון געריכט. אין אלע אנדערע פאלען מוז דער ריכטער ערפילען די בקשה וועגען ארויסרופען אין געריכט, אויב ער טהוט עס ניט, ווערט ער שטראפירט מיט 500 פונט סטערלינג, וועלכע געהערען דעם ארעסטירטען. בעקומענדיג דעם בעפעהל וועגען „האבעאס קארפוס", ברייננגט דער קרוב אדער דער פערטרעטער פון דעם ארעסטירטען דיזען בעפעהל צום אויפזעהער פון געפענגנים, וואו דער ארעסטירטער האלט זיך אויף. יענער איז מחויב ציצושטעלען דעם ארעסטירטען צו דעם בעשטימטען טערמין אין געריכט, און דערביי מוז ער ארויסגעבען א פאפיער, אין וועלכען ס'איז אנגעוויזען, פאר וואס דער ארעסט איז לכתחילה פארגענומען געווארען, ביי וועלכע אומשטענדען ער איז פארגעקומען, און פאר וואס האט מען דעם ארעסטירטען געהאלטען אזא און אזא צייט אין געפענגנים. אין דיזען פאפיער מוז זיין גענוי און קלאר אנגעגעבען, מיט אלע פרטים, דער ריינער אמת; אויב ביים געריכט פאלט א חשד, אז די אנגעגעבענע פרטים וויכען אב כאטש אויף א האר פון דעם אמת אדער זיי זענען אויסגעדריקט אונקלאר, מיט האלבע ווערטער, ווערט דער שרייבער פון פאפיער ארעסטירט און אנגעקלאגט ווי פאר א קרימינאלען פערברעכען „פאר דער פעראכטונג צום געריכט". אויב דער אויפזעהער פון טורמע פאלגט ניט דעם בעפעהל פון געריכט, ווערט ער זעהר שטרענג בעשטראפט, סיידען אויב דער ארעסטירטער איז קראנק און קען צוליעב דעם ניט געבראכט ווערען צום געריכט,

יענכמאל איז דער אויפזעהער פריי פון יעטוועדער פעראנטווארטליכקייט. תיכף ווי מ'ברייננט דעם ארעסטירטען, פארשט אויס דער געריכט, צו מ'האט איהם פערהאלטען געזעצליך, צו ניט. אין לעצטען פאל, בעפרייט איהם דער געריכט תיכף ומיד, אין ערשטען פאל קען ער איהם ארויסלאזען אויף ערבות. ווען אימיצער איז בעפרייט געווארען לויט דעם בעפעהל וועגען „הבעאס קארפוס", טאר מען איהם מעהר ניט ארעסטירען פאר דעמזעלביגען פערברעכען. די וועלכע זענען עובר אויף דעם דאזיגען געזעץ, ווערען שטראפירט מיט געלד ביז 500 פונט סטערלינג.

אט דאס זענען די הויפטגאראנטיעס פון דער פערזענליכער אונבערירבארקייט אין ענגלאנד. פון די איבעריגע גאראנטיעס וועלען מיר נאך דערמאהנען די רעוויזיעס פון די געפענגניסען. אין יעדער אויעזד קלייבען זיך צונויף אויף א צוזאמענפאהר די פרידענסריכטער 4 מאהל אין יאהר; פאר א פארזיצענדען ווערט געוועהנליך בעשטימט א מיטגליעד פון דעם העכסטען געריכט. אויף דיזען פארזיצענדען ליעגט אגב די התחיבות צו קאנטראלירען די רייסטערס פון די ארעסטירטע אין דעם ארטיגען געפענגניס; אויב ער געפינט דערביי, אז אימיצער איז אונגעזעצליך ארעסטירט, איז אדער ער בעפרייט איהם אין גאנצען, אדער ער לאזט ארויס אויף ערבות.

אויסער די גאראנטיעס, וועלכע זענען ספעציעל אויסען צו פערהיטען פון אונגעזעצליכע ארעסטען, עקזיסטירען אין ענגלאנד א גאנצע רייהע אנדערע געזעצען, וועלכע פערווארענען די בירגערליכע פרייהייט. אויפ'ן ערשטען ארט דארף מען רעכענען דעם אונאבהענגיגען פארלאמענט, אין וועלכען ס'נעהמען אנטהייל כמעט אלע ענגלישע בירגער, דערביי האט יעדער מיטגליעד פון פארלאמענט דאס רעכט צו שטעלען אנפראגען דער רעגירונג מכח איהרע אונגעזעצליכע מעשים. ווייטער עקזיסטירט אין ענגלאנד פאלשטענדיגע פרעס-פרייהייט, וועלכע גיט יעדערן די מעגליכקייט אויפמערקזאם צו מאכען אויף די אונגעזעצליכע מעשים פון דער אדמיניסטראציע. אין ענגלאנד עקזיסטירען ניט די פערשיעדענע אויסנאהמס-צושטאנדען, ווי קריעגס-צושטאנד, בעלאגערונגס-צושטאנד און אז. וו. נאר אין געוויסע אויסנאהמס-פאלען קען דער פארלאמענט אליין פערארדנען, אז איניגע פונקטען פון דעם

„האַבעֶאוּס קאָרפּוּס אַקט" זאָלעֶן אויף אַ געֶוויסעֶ צייט ניט אָנגעֶווענדעֶט ווערעֶן, און יעֶנסמאָל בעֶקומט די אַדמיניסטראַציע דאָס רעֶכט צו האַלטעֶן אין געֶפעֶנגניס די בעֶשולדיגטעֶ אין אַ מלוכה פעֶרראַטה אויף דער גאַנצער צייט פון דעם אויסנאַהמס-צושטאַנד, ניט איבערגעֶבענדיג זיי צום געֶריכט. אויסערדעם בעֶקומט דאַן די רעֶגירונג ברייטעֶ פאָלמאַכטעֶן בנוגע צו פעֶרווערעֶן עֶפענטליכעֶ פערזאַמלונגעֶן און פאָרצונעֶהמעֶן אַרעֶסטעֶן. אָבער דער אויסנאַהמס-צושטאַנד בעֶפרייט ניט די אַדמיניסטראַציע פון פעֶראַנטוואָרטליכקייט פאַר אונגעֶזעֶצליכעֶ מעשים, און דעריבער אייִדער ס'ענדיגט זיך דער טעֶרמין, אויף וועלכעֶן ס'איז ערקלערט געֶוואָרעֶן דער אויסנאַהמס-צושטאַנד, איז זיך די רעֶגירונג משתדל פאַר דעם פאַרלאַמענט, אַז ס'זאָל געֶגעֶבעֶן ווערעֶן אַמניסטיע און דערמיט וועט די אַדמיניסטראַציע בעֶפרייט ווערעֶן פון שטראָף פאַר די אַקטעֶן, וועלכעֶ זי האָט פאָרגעֶנומעֶן אויף צו פעֶרהיטעֶן די מלוכה-זיכערהייט. אייִדער אָבער סוועֶרט ערקלערט אַמניסטיע, בעֶשטימט דער פאַרלאַמענט אַ ספּעציעלעֶ קאָמיסיע אויסצופאָרשען, צי האָט די אַדמיניסטראַציע ניט צו ברייט אָנגעֶווענדעֶט די פאָלמאַכטעֶן, וועלכעֶ זענעֶן איהר געֶגעֶבעֶן געֶוואָרעֶן דורך דעם אויסנאַהמס-צושטאַנד. די פראַגעֶ ווערט בעֶטראַכט עפעֶנטליך, און ערשט נאָכדעם, אַז דער פאַרלאַמענט האָט זיך איבערציינגט, דאָס די אַדמיניסטראַציע האָט אויסגעֶנוצט די פאָלמאַכטעֶן פאָרזיכטיג און האָט ניט איבערגעֶכאַפּט די מאָס, ערשט יענסמאָל ווערט ערקלערט אַמניסטיע.

IX

שָׁלוֹם.

מיר זעֶהעֶן אויף אַזאַ אופן אַז די פּערזענליכעֶ אונבעֶריהרבאַרקייט ווענדט זיך אויסשליסליך אָן דעם, ווי ווייט די העֶכסטעֶ מאַכט ליעגט ביים פאָלק אין די הענד. נאָר אין דעם פאַל ווען דאָס פאָלק וועט בעֶקומען דורך זיינע פערטרעטער, וועלכעֶ זאָלעֶן אויסגעֶקליבען זיין אויפ'ן גרונד פון דער פיערפאַכיגער פאָרמעֶל, די גאַנצעֶ פּאָליטישעֶ מאַכט, דאָס רעֶכט אַרויסצוגעֶבען געֶזעֶצעֶן און אַכטונג געֶבעֶן, אַז זיי זאָלעֶן אויסגעֶפיהרט ווערעֶן, ווען אַלעֶ בעֶ=

אַמטע פון די קלענסטע ביז די העכסטע, וועלען אויסגעקליבען ווערען דורכ'ן פאָלק גופא און וועלען פעראַנטוואָרטליך זיין פאַר איהם, ערשט דאַנן קענען פערוואָרענט זיין די רעכטען פון פאָלק און אַגב אויך די אונבעריהרבאַרקייט פון פערזאָן, וואָהנונג און קאָרעספאָנדענץ.

ВИЛЬНА. Тип. «Вдова и бр. Роммъ». Уголъ Духовскаго и Глухого пер. собств. домъ № 1/2.